STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05998

BLOYE BUMERANGEN

Hirsh Osherowitch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הירש אָשעראָוויטש

בלויע בומעראַנגעז

די פריינד חסיה און חיים
שפילבערג
הארציק הירש אשעראוויטש

מאנטרעאל, 22.12.1979

הירש אָשעראָוויטש

בלויע בומעראַנגען

לידער און פּאָעמעס

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
תל־אביב, תשל"ט — 1979

HIRSH OSHEROWITCH / BLOYE BUMERANGEN
POEMS
Publishing-House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

הירש אָשעראָוויטש / בלויע בומעראַנגען
לידער און פּאָעמעס

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך", תל-אביב, רח' איתמר בן-אבי 4

הילע פֿון דער מאָלערין האַלינאַ אָלאָמוצקי

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון
ייִדישן ליטעראַטן- און זשורנאַליסטן-פֿאַראיין אין ישׂראל
קרן תל-אביב לספרות ולאמנות
יוצאי פוניבז' בישׂראל
קולטור-פֿאָנד ביים אירגון יוצאי לובלין בישׂראל

©
כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1979 נדפס בישׂראל

דפוס „להב" בע"מ, תל-אביב, רח' המסגר 60, טל. 336564

וועגן מחבר

הירש אָשעראָוויטש איז געבוירן דעם 25סטן יוני 1908 אין פּאָנעוועזש (ליטע) ביי זיין פֿאָטער שלום, אַ שיפֿקאַנטאָר־אָנגעשטעלטן, און מוטער לאה (געבוירענע קאַרב). אין יאָר 1928, פֿאַרענדיקט די פּאָנעוועזשער העברעיִשע גימנאַזיע, קומט אָשעראָוויטש אָן אין קאָוונער אוניווערסיטעט לערנען יוריספּרודענץ. אין יאָר 1933 פֿאַרענדיקט ער דעם יורידישן פֿאַקולטעט. פֿון יאָר 1934 ביזן אויסבראָך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרבעט ער אין פֿאַרשיידענע צייטונגען (די לענגסטע צייט אין קאָוונער „די אידישע שטימע"). שוין דעם 22סטן יוני 1941 פֿאַרלאָזט ער קאָוונע, וואָגלט איבער פֿאַרשיידענע שטעט פֿונעם סאָוועטן־פֿאַר־באַנד (סאַראַטאָוו, נאָוואָסיבירסק, מאָסקווע און אַלמאַ־אַטאַ. אין דער לעצטער געפֿינט ער זיך כמעט די גאַנצע צייט פֿון דער מלחמה). אין יאָר 1944 קערט ער זיך צוריק קיין ליטע און באַזעצט זיך אין ווילנע. דעם 2טן יולי 1949 ווערט ער אַרעסטירט און „פֿאַרמישפּט" אויף 10 יאָר פֿאַר „אַנטיסאָוועטישער, נאַציאָנאַ־ליסטיש־ציוניסטישער טעטיקייט". נאָך 7 יאָר פֿאַרשפּאַרט זיין אין פֿאַרשיידענע צוואַנגלאַגערן ווערט ער (אין יוני 1956) באַפֿרייט. ער קערט זיך צוריק קיין ווילנע, וווּ ער פֿאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט ליטעראַרישער שעפֿערישער אַר־בעט ביז צום סאַמע טאָג פֿון זיין עולה זיין.

אָשעראָוויטש האָט אָנגעהויבן שרייבן יונג. אָבער פּובליקירן זיינע לידער אין דער פּעריאָדיק און אין אַלמאַנאַכן — ערשט אין יאָר 1934. אין יוני 1941 איז אין ווילנע אָפּגעדרוקט געוואָרן זיין זאַמלונג לידער „באַגינען". די אויפֿלאַגע פֿון דאָזיקן בוך איז אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די נאַציס. אין יאָר 1947 איז אין מאָסקווע דערשינען זיין בוך פּאָעמעס און באַלאַדעס „פֿון קלעם אַרויס". אין 1962 — דאָס בוך לידער און פּאָעמעס אין דער רוסישער איבערזעצונג „מיין גוטער קליאָן"; אין יאָר 1964 איז אין ווילנע דערשינען זיין בוך לידער און פּאָעמעס איבערגעזעצט אין ליטוויש „דער האָניק פֿון דערקענטעניש". אין יאָר 1968 אין ווילנע — דאָס בוך לידער און פּאָעמעס „די הייליקע טאָג־טעגלעכקייט" און אין יאָר 1969 אין מאָסקווע — דאָס בוך לידער און פּאָעמעס „זונענגאַנג". דעם 18טן נאָוועמבער 1971 איז הירש אָשעראָוויטש מיט זיין פֿרוי רבקה (געבוירענע שמוקלער) עולה קיין ישׂראל. אין יאָר 1972 באַקומט ער די יעקב פֿיכמאַן־פּרעמיע פֿאַר יִדישער ליטעראַטור, אין יאָר 1973 באַקומט ער די פּרעמיע פֿון פֿאַראיין פֿון יִדישע שרייבערס אין ישׂראל. אין זעלבן יאָר דערשיינט אין י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג זיין בוך לידער און פּאָעמעס „צווישן בליץ און דונער". פֿאַרן דאָזיקן בוך ווערט אים אין ניו־יאָרק צוגעטיילט די יעקב גלאַטשטיין־

פּרעמיע. אין יאָר 1974 דערשײַנט אין תּל־אָביב אָשעראָוויטשעס פּאָעמע „מײַן פּאָנעװועזש" (אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט אַברהם שלאָנסקיס געמאַכטער איבער־זעצונג אין עברית — „פּוניבז' שלי"). אין יאָר 1975 דערשײַנט אין פֿאַרלאַג „המנורה" זײַן בוך לידער און פּאָעמעס „אין דער וועלט פֿון עקדות", וואָס ווערט פּרעמירט אין פּאַריז מיט דער זכריה גאַנאַפּאָלסקי־פּרעמיע. אין זעלבן יאָר ווערט אין פֿאַרלאַג „הקיבוץ המאוחד" אַרויסגעגעבן דורכן העברעיִשן שרײַבערס־פֿאַראיין אָשעראָוויטשעס זאַמלונג לידער איבערגעזעצט אין העברעיִש „אוחז הליל סכּין כּחולה" („עס האַלט די נאַכט אַ בלויען מעסער"). אין יאָר 1977 דערשײַנט אין פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך" זײַן בוך לידער און פּאָעמעס „געזאַנג אין לאַבירינט", וואָס ווערט פֿון דעם יִדישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע פּרע־מירט מיט דער פֿערנאַנדאָ כענאָ־פּרעמיע. אין יאָר 1977 באַקומט הירש אָשעראָ־וויטש די מאַנגער־פּרעמיע. אין יאָר 1979 דערשײַנט אין פֿאַרלאַג „רשפֿים" זײַן בוך „תּנך־פּאָעמעס" און אין פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך" — זײַן בוך לידער און פּאָעמעס „בלויע בומעראַנגען".

פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך"

אַ סערוועטל לבֿנה־שײַן

ווער האָט עס אויסגעטראַכט?

ווער האָט עס אויסגעטראַכט אַז אונטערן וויגעלע
שטייט אַ מילך־ווײַס ציגעלע?
ס׳איז גאָר אַ וואָלף וואָס האָט זיך אויסגעקאַטשעט אין קאַלך
און ער קוקט מיט תּמעוואַטע ציגישע אויגן,
עלעהיי ער טראַכט וועגן לאָנקעס און גראָז.
סקריפּעט דאָס וויגליד און סקריפּעט די וויג...

ווער האָט עס אויסגעטראַכט אַז אונטערן וויגעלע
שטייט אַ מילך־ווײַס ציגעלע?
ס׳איז דער קאַלך געווען בלויז האַלב־געלאָשן,
בריט דעם וואָלף זײַן פֿעל,
איז אים מער נאָך פֿאַרהאַסט אַלץ וואָס איז העל
און עס נאָגט אים די צו לאַנגע רו פֿון זײַנע ציין.
סקריפּעט דאָס וויגליד און סקריפּעט די וויג...

ווער האָט עס אויסגעטראַכט אַז אונטערן וויגעלע
שטייט אַ מילך־ווײַס ציגעלע?
(דאָס איז דאָך דאָס פֿאַרצוקן
וואָס האָט פֿאַר תּמימות זיך פֿאַרשטעלט).
שווער איז דעם וואָלף, וואָס ציגעלעט זיך,
אויסצוהאַלטן דעם בראַנד פֿון זײַן פֿעל
און צו צוימען די יובע פֿון זײַנע ציין,

לאָקערט ער אַרײַנצושפּרינגען אין װיגל,
אַרײַנצובײַסן זיך אין עופּעלעס גאָרגל,
און — אױס מיטן קינד, מיט דער ליבשאַפֿט און ליד...

שטײט אונטערן װיגעלע
אַ באַקאַלכטער װאָלף װי אַ װײַס ציגעלע,
און אַ מבֿולבלע װעלט באַלעבעטשעט: „מעעעע!"...

יפֿו, יוני 1978

אַ ייִד...

גייט אַ קרײַד־בלייכער ייִד,
טענצלט אויס מאָדנע שריט:

טראָט, טראָט און אַ שפּרונג,
און באַלד ווידער אַ שפּרונג,
און שוין ווידער אַ שפּרונג...

און דער טאָג איז פֿאַרגרויט,
גלײַך אַ דאָרפֿישער פּלויט
(וואָס איז אַלט, ניט געפֿאַרבט,
נאָר אין יאָרן געגאַרבט)
וואָלט פֿאַרשטעלן די וועלט.

טראָט, טראָט און אַ שפּרונג,
און אַ טראָט, און אַ שפּרונג,
און גלײַך ווידער אַ שפּרונג...

אָ, רב ייִד — מאָדנער ייִד,
ס׳גייט מײַן בליק מיט דיר מיט.
כ׳בעט דיך, גיב צו פֿאַרשטיין
וואָס באַטײַט אַזאַ גיין?
כ׳קוק דיר נאָך שוין פֿון לאַנג,
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ גאַנג?
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שפּרונג?

טוט אַן ענטפֿער אַ קלונג
ווי ס׳וואָלט פֿאַלן אַ האַק.
ווי אַ שרעקלעכער פּסק
רײַסט מײַן פֿראַגע ער איבער:

„ניט איך שפּרינג, נאָר איך היפּער!!

כ׳גיי מײַן וועג, כ׳קלײַב ניט איבער
(מעג זײַן זומפּ, מעג זײַן ברוד),
נאָר איך שפּרינג, שפּרינג אַריבער
יעדן שפּאַן פֿון דער ערד,
וואָס געוועזן איז באַשערט
אים זאָל האָבן באַנעצט
ווען ניט איז ייִדיש בלוט״...

אָ, רב ייִד — ליבער ייִד,
אין יסורים געניט,
אין עינויים געשמידט,
אויב אַזאַ פּירוש געבן,
טאָרסט ניט גיין גאָר — דאַרפֿסט שוועבן!

ווילנע, יולי 1969

*

האַר, כּל־יכול — ווּנדער
וואָס דו עפּטערס פּלעפּסט מיך
און מיט אומוואָר בונטער
אומגעריכט באַהעפּטסט מיך,

ליב האָסט איבערראַשן,
צווינגען, איך זאָל שטוינען
און ווי קאָרטן טאַשן
זאָל איך שווינדלטרוימען.

גיב איך דיר זיך אונטער
(כ׳וויל זיך אונטערגעבן),
ווּנדער, ליבער ווּנדער —
ראָזשינקע פֿון לעבן.

ווילנע, מאַרץ 1967

מענטש

בין איך מער פֿון דעם, וואָס כ׳בין,
אָדער ווינציקער דערפֿון?
כ׳בין אַ זעלנערל פֿון ציון,
אַ חבר פֿון דער זון...

כ׳בין פֿאַרשטאַנדיקסטער בעל־חי,
ווייס דערפֿאַר איך וואָס מיר פֿעלט.
כ׳בין מײַן ענגער היים געטריַי,
און מיך ציט געררומע וועלט.

אָבער ניט נאָר זון און ערד,
ניט נאָר וואַסער, שפּײַז און לופֿט!
כ׳דאַרף אַן אויער וואָס מיך הערט,
און אַ בת־קול וואָס מיך רופֿט.

כ׳בין פֿיל מער פֿון דעם, וואָס כ׳בין,
צו דער וואָר אַ טרוים כ׳פֿאַרמאָג.
יעדן טאָג איך זיך געפֿין,
זיך אַליין איך קוים דעריאָג...

ווילנע, אַפּריל 1963

*

ס'איז דיר שווער מיך צו פֿאַרשטיין ?
דאַרפֿסט עס גאָר ניט וועלן.
כלעבן, אַז ס'איז איבעריק
צוליב דעם זיך קוועלן !

ס'מוז ניט קלאָר זײַן, ווער מען איז.
וואָס מע טוט, איז וויכטיק
(ס'דאַרף זײַן האַרץ אינעם געדאַנק
און דער ציל זײַן ציכטיק).

ס'איז דיר שווער מיך צו פֿאַרשטיין ?
נו און מיר, מיינסט, גרינג איז ?
כ'קוק אויף זיך און כ'בין פֿאַר מיר
אַ שיפֿרירטער פּינקס...

ווילנע, סעפּטעמבער 1970

צו דרײַ פֿרײַנד

טײַערער פֿרײַנד, וואָס ערשט זײַן ווערסט מײַן פֿרײַנד,
עפּעס איך האָב זיך פֿאַרבענקט נאָך דיר הײַנט.
טראַכט ניט: ס'איז לעפּיש, ניט זאָג: ס'איז צו פֿרי.
אין פֿאַרגעפֿיל פֿעכלט שוין בענקעניש-גלי.

איצטיקער פֿרײַנד — שוין פֿאַרעלטערטער פֿרײַנד —
פּלוצעם אַ פֿרעמדקייט איך פֿיל צו דיר הײַנט.
רוף עס ניט גדלות, און אויך ניט — פֿאַרראַט.
אַ פּנים, ס'דערעסט, ווען ס'פֿאַרלויפֿט זיך צו גלאַט...

נעכטיקער פֿרײַנד — שוין פֿאַרלוירענער פֿרײַנד —
מיין ניט, אַז צופֿעליק כ'טראַכט פֿון דיר הײַנט.
אַ לעבן מע בײַט זיך, דער זעלבער מע בלײַבט,
מע ווייסט גאָר אַליין ניט: מע רופֿט צי מע טרײַבט...

ווילנע, נאָוועמבער 1970

גולם־געוויסן

ווו האָט גאָט אַרײַנגעטאָן אין מיר זײַן שם־המפֿורש —
אינעם האַרץ? אין מאַרך? אין זעל?
ס'זוכט אים טומאה — שנאַפּט און נישטערט,
מאַכט פֿון רו מײַנער אַ תל.

וויי, זי קען אים נאָך געפֿינען.
וואָס וועט דעמאָלט, דעמאָלט זײַן?
ווער קען אויסהאַלטן דעם חילול:
שד מיט אור־הגנוז־שײַן?

יאָ, גערעכט: אויך איך בין גולם.
ווו זשע איז מײַן מהר"ל?
און פֿאַר וואָס איז שלאָגן קוילערס
ביז איצט אויף מײַן פֿויסט ניט חל?

יפֿו, יאַנואַר 1977

אין דיר...

צי איז די שוואַרצע קאַץ דען שולדיק,
וואָס בעת זי לויפֿט דעם וועג אַריבער,
ווערט אָנגעכמורעט דיַין געמיט?

אין דיר, אין דיר איז אַלץ, אין דיר!

צי קומט דעם שטיפֿנדיקן קעלבל,
וואָס שפּרינגט פֿון יונגשאַפֿטמוט געפֿעדערט,
אַ דאַנק דערפֿאַר וואָס דיך עס פֿרייט?

אין דיר, אין דיר איז אַלץ, אין דיר!

אין דיר דער זוימען פֿון די פֿריידן,
אין דיר די זרע פֿון די ליידן.
אויך שאול־תּחתּיה און גן־עדן —
ניט דו אין זיי, נאָר זיי אין דיר!

יפֿו, מיַי 1977

און אַזוי...

און אַזוי — אויך ניט דעררײדנדיק —
פֿאַלט אַ וואָרט, וואָס ווערט באַשײדנדיק;
שײלט זיך אויס אַ זאַץ פֿאַרהוילענער,
אַ פֿון לאַנג שוין דיר באַפֿוילענער.

און אַזוי — זײַן תּוך פֿאַרשטײענדיק —
מיט געבעט דעם ווײ צעווײענדיק,
אַ ביז הײליק־זײַן געלײַטערטער,
דו פֿון זיך ווערסט אַ דערווײַטערטער.

און אַזוי — דעם אמת קנעטנדיק,
זײַנע פֿעלערן פֿאַרגלעטנדיק, —
ווערט ער (אַ צו לאַנג געקנאָטענער)
גאָר אין שקר אַ געראָטענער.

און אַזוי — דאָס אַלץ פֿאַרקוקנדיק,
גרויסהאַלטעריש און זיך בוקנדיק,
וואָגלסטו, כּלאַחר־יָדיקער,
אי אַ העלזעער אי אַ לונאַטיקער.

ווילנע, אַפּריל 1968

אויפֿן ליבן אומזיניקן וועג

אויף אַ וועג מיט אַן אַרויסגעפֿאַלענעם פֿונעם זכּרון אָנהייב
גייט אַזאַ וואָס האַלט אין איין פֿאַרוואַנדלען זיך:
אָט איז ער אַ קינד נאָך, אָט אַ בחור,
אָט אַ יונגער־מאַן, און שוין — אַ זקן...
איז עס טאַקע דער, וואָס כ׳דאַרף אים רופֿן א י ך?

ציט דער וועג זיך, און מיט אים —
אַן אַ צאָל נאָך אַנדערע אַזעלכע וועגן,
וואָס אויף יעדן איינעם פֿון זיי גייט
עמעצער וואָס פּלאָנטערט זיך אין צער און פֿרייד...

גאָט פֿון וואָגלען, סאַראַ זינען האָט צו גיין אַ וועג,
וואָס מע וויל ניט קומען צו זײַן עק?..

יפֿו, אָקטאָבער 1977

C'EST LA VIE

ס'איז אמת, אַז דאָס לעבן פֿײַנט האָט שוואַכע,
און שוואַכע האָבן שטאַרקער ליב דאָס לעבן.
זיי קענען ניט — די שפּירעוודיקסטע וואַכע —
מיט זייער וואַכקייט זיך אַן עצה געבן,
איז זוכן זיי און זוכן צו געפֿינען
אַזוינס וואָס עס זאָל גורם זײַן נײַ זוכן...

ס'איז יעדע שקיעה ערגעץ אַ באַגינען,
פֿון עץ־הדעת דאַרף מען ערשט פֿאַרזוכן,
איז ווי זשע מיינט מען עס די תּורה כּולה
זיך קענען אויסלערנען על רגל אַחת?
געדאַנקען נאַרישע, געפֿילן דולע —
און מען איז שיכּור פֿונעם ייִן־נסך — נחת...

יפֿו, נאָוועמבער 1977

לאָמיר ניט ציילן...

לאָמיר ניט ציילן די היימען,
וואָס זײַנען אונדז טײַער געווען.
היים שאַפֿט אָפּ אַלע וואָס ביז איר,
זי ליב האָט די איינציקע זײַן.

לאָמיר ניט ציילן די מענטשן,
וואָס זײַנען אונדז נאָענט געווען.
אין נאָענטשאַפֿט אָטעמט נאָך צופֿאַל,
פֿרײַנדשאַפֿט קומט אָן ווי באַשערט.

לאָמיר ניט ציילן די שטערן,
וואָס מיר האָבן פֿאַלן געזען.
דאָס דורכטראָגן זיך דורך אַ הימל
טאָר מען ניט אָנרופֿן פֿאַל.

יפֿו, יולי 1975

בין־השמשות־דאַכטונגען

הילן זיך איַין די באַגערן אין טרוימען,
ווי צנועות וואָס זוכן אַנטרינונג אין שלייער:

גאָטעניו, שווער איז אַ פֿרעמד און פֿרעך אויג!

ענג איז דעם ווילן, געבייַטשט פֿון דער בושה,
שיטער געוועבט איז דער טיול פֿונעם דמיון,

טעות, ביסט נעפּל וואָס גלעט ניט, נאָר קרעלט!

יעדער פֿאַרגעסט, אַז אים גייט נאָך אַ שאָטן,
יעדערער גלייבט זיַין באַליבטן שגעון.

זונה הצלחה, אָט קומסט, אָט פֿאַרשווינדסט!

פֿאַלן באַגערן אַרויס פֿון די טרוימען,
ווי טרוקענע יאָדערס פֿון צו גרויסע שאָלן.

טרעשטשען די סטרונעס פֿון פֿידעלע — האַרץ...

ווילנע, פעברואַר 1971

*

די פֿרייד — דער באַלזאַם,
וואָס אין פֿינצטערניש צעגייט,
גענומען פֿליסן האָט
דורך מײַנע מידע גלידער
און האָט פֿון מיר אַרויסגעשווענקט
ווי פֿון אַ שייד
אַלץ וואָס געווען איז גרייט צו ווערן לידער...

גענומען האָב איך שפּירן
ווי סע פֿליסט די צײַט,
ווי מאַוּמדיק עס פֿעלט מיר
דאָס וואָס פֿעלט מיר.
אַרײַנגעטאָן זיך אין מײַן איך,
געוואָרן בין איך פֿון אים ווײַט,
אַליין געקניפּט מײַן געמיט,
איך האָב געטענהט אַז מ׳ע קווענט מיר...

אין ברויזיק-זידנדיקער מאַגמע
פֿון מײַן מאַרך,
אין זיפּ פֿון מײַן געדיכט צעלעבערטער נשמה
האָט אַנשטאָט צערטלדיקן ניגון פֿון אַ האַרף,
געדרעלעוועט פֿאַרקילט קלאַרנעט-געיאָמער,

און זי, די פֿרייד, געוואָרן איז מיר פּלוצעם שווער,
ווי ס׳ווערט בשעת מע כאַפּט זיך:

מע האָט לײַבטזיניק געטאָן אַ נדר,
און אין מײַן אויג
האָט זיך צעפֿעבלט אַ באַדויער־טרער,
למאַי מיר קלעטערן
רק אויף אַן אײַנגעשפּאָלטענעם
קוים־קוים זיך האַלטנדיקן לייטער...

ווילנע, יוני 1967

עוזר דלים הושיעה נאָ!

אַ חלום,
טריב ווי אַ פֿאַרשמאָלצענע פֿלאַכטע,
דעקט מיך איבער
ווי ס׳פֿלעגט אַ מאָל אום שימחת־תּורה
דער טלית איבערדעקן
דאָס „כּל הנערים״־געזעמל.
דעמאָלט איז געווען ענג און פֿריילער,
אַצינד איז גערוים און אומעטיק,
און דער בעל־קורא בלאָנדזשעט אין דער פּרשה
און פֿאַלשעוועט די טראָפּ...

לאָמיך גיך אָפּכאַפּן די ברכה און אַנטלויפֿן.
עס קען נאָך אַרויסווייַזן זיך,
אַז ניט נאָר איך,
נאָר אויך מייַן גאָט האָט זיך געענדערט,
און בעת דער הַגְבָּה
וועט מען אויף דער ריינינקייט
קוקן מיט שמוציקע בליקן
און חוזקן פֿונעם לעפּישן געבעט
„עוזר דלים הושיעה נאָ!״

אַ טרוים, פֿאַרפֿעטסט ווי אַ לאַנג געניצטער טלית —
אַ טלית וואָס זייַן רייַכע אָפּגעקראָכענע עטרה
מאַכט נאָך בולטער זייַן אַלטקייט —

דעקט מיך איבער, איך זאָל דאַוונען צום באַשאַפֿער
וואָס בייזע צינגער רכילותן, אַז גאָר איך אײַם האָב באַשאַפֿן
און איך געפֿין זיך מיט אים אין אַ פֿאַרפּישופֿטן קרײַז,
עלעהיי אַ שלאַנג וואָס האַלט איר עק אין מויל.

טאָ זאָל כאָטש די שלאַנג ניט קיין גיפֿטיקע זײַן,
און ניט פֿאַרסמען דעם גרויסן זינען
פֿון באַזיניקן אַן אומזיניקן וועג!

יפֿו, אויגוסט 1978

אין אַ פֿאַרקלעמטן העק...

אין אַ פֿאַרקלעמטן העק —
פֿון כמורנע מויערן אַרומגערינגלט
אין שעה פֿון וואָר־ניט־וואָר,
ווען אַלץ וואָס ס׳קען ניט זײַן
ווערט פּלוצעם מעגלעך,
האָב איך געזען אַן אויסטערליש געראַנגל:
כּפּרה־האָן און שׂעיר־לעזאָזל
האָבן זיך געשלאָגן.

דער באָק געזעצט האָט מיט די הערנער,
דער האָן געפּאַטשט האָט מיט די פֿליגל,
געריסן מיטן שנאָבל און די שפּאָרן... —
געשפּריצט האָט בלוט,
דאָך די אויף זיי אַרויפֿגעפּאַקטע פֿרעמדע זינד
געשיצט זיי האָבן ווי אַ משׂא טײַערע
וואָס, גאָט באַהיט, זי אָנצווווערן...

כ׳האָב ניט געוווּסט,
אַז זינד פֿאַרמאָגן קען אַזאַ אַ ווערט
און אַז מיט פֿרעמדער שולד באַלאָדענע
צוויי אומשולדיקע לעבנס
קענען זיך אײַנשטעלן אַזוי פֿאַר דעם,
מיט וואָס עס האָבן זיי
די קריוודערס זייערע באַלאַסטיקט...

נאָר אָט האָט זיך אַרויפֿגעוואַליעט נאָבט,
דערשטיקט אַיעדער בילד

און אוממעגלעך געמאַכט צו זען
דעם אויסלאָז פֿון געראַנגל.
ווער ווייסט?
ס'וועט אפֿשר איינעם העלפֿן גאָט,
ער פֿאַלן טויט זאָל אין געשלעג
נאָך פֿאַר ער וועט צעשמעטערט ווערן...
נאָך פֿאַר ער וועט געשאָכטן ווערן...

מעג זײַן: באַזיגט,
מעג זײַן: אַ קרבן,
אַבי ניט קיין כּפּרה!

יפֿו, אויגוסט 1977

גייט אַ וואַנדערער אין וועג...

גייט אַ וואַנדערער אין וועג.
פֿרעגט ניט, פֿרעגט אים ניט: וווּהין?
ער אַרויף איז אויפֿן וועג,
בעת שוין גאָרנישט קימערט אים.

גייט ער, גייט ער, —
דער וועג פֿירט...

פֿון דער היים איז ער אַוועק.
איז עס דען געוועזן אַ היים,
אַז געוועזן דאָרט זײַנען טעג
קאַלטע ווי מצבה־שטיין?!

גייט ער, גייט ער, —
דער וועג פֿירט...

אָ, דאָס וואָגלען אָן אַ ציל —
גורל שטופּט, און גאָרנישט ציט.
וואָסער קאַדיק דאַרף די שפּיל
פֿון געוויס־פֿאַרשפּילטע טריט?

גייט ער, גייט ער, —
דער וועג פֿירט...

צווישן קוים געוועזן און אויס
קאַלטער שאָטן שלעפּט זיך נאָך.
גליק פֿון ווײַב־און־קינד און הויז —
פּרוכט פֿון אַ קאָשמאַרן־שלאָף...

גייט ער, גייט ער, —
דער וועג פֿירט...

גורל־קלעפּ און וואָגלשלעק —
פּת־ליצנישער קאַדריל...
גוט באָטש, וואָס ס׳איז דאָ אַ וועג,
אויב ניטאָ עס איז קיין ציל!

גייט ער, גייט ער, —
פֿ אַ ל ט אין וועג...

ווילנע, מײַ 1971

*

די אומעטיקע שעה קומט מאַנגען ווי אַ כּוהן מעשׂר.
זי זאָגט, זי איז אַ הייליקע, איר קומט עס.
פּרוּװ איך זיך קעגנשטעלן, רייד צו איר, דערוויַיז איר,
און מערק אַליין ניט, אַז איך גיב זיך, גיב זיך אונטער.

די אומעטיקע שעה, ווּ נעמט זי אַזאַ גבורה?
פֿאַר וואָס איז זי די גילטיקסטע פֿון אַלע שעהען?
עס איז איר תּמעוואַטע רויִקייט אַ שוואַנגערע מיט שטורעם,
און דאָרט ווּ ס'איז איר פֿיניש־שטריך, דער סטאַרט איז צום שגעון.

די אומעטיקע שעה. ווער קען באַרימען זיך, אַז ער האָט זי געמיטן?...
און כאָטש אַיעדער סטאַרעט זיך פֿון איר וואָס וויַיטער צו אַנטרינען,
איז זי — די צו דעם סוף געהערנדיקע — אומעטום אין מיטן.
די אומעטיקע שעה, זי וועט אויך אויף אַ שׂימחה דיך געפֿינען...

יפֿו, יאַנואַר 1979

חרטה

ווײַל געווען כ'בין שאָרסטיק־אומגערעכט לגבי דיר,
שטיי איך און איך רייד איצט צו דײַן טיר
וואָס זי וועט פֿאַר מיר זיך מער ניט עפֿענען.
כ'ווייס ניט, צי איך וועל דיך טרעפֿן ווען
און צי איז בכּלל באַשערט,
ס'זאָל אַ מאָל צוריקקומען אָט דאָס וואָס אָפּגעשטויסן ווערט...
פֿייגעלער, וואָס האָבן אין דײַן פֿענצטער פֿרייד אַרײַנגעצוויטשערט,
שטאַרן איצט פֿאַרגולמטע פֿון זייער זײַן־פֿאַרביטערט
(ניין, זיי שלאָפֿן ניט, זיי קענען גאָר ניט שלאָפֿן
ווען אַ טיר וואָס האָט געקענט זײַן אָפֿן
איז פֿאַרהאַקט).
פֿליט אַ ווינט איבערן טראַקט,
קלײַבט צונויף פֿון דאָרף־כּלבים די בילערײַ
און, צו זײַן פֿאַרהפֿקרטקייט געטרײַ,
וואַרפֿט ער שאָדנפֿריידיק זי אַרײַן אין מײַן צעקלעמט געמיט.
הער איך פּלוצעם אַ פֿאַרסודעט שלײַכעניש פֿון טריט,
און ווי נאָר איך הייב זיי אָן דערקענען,
ווערט מיר קלאָר: זיי ניט געגענען,
נײַערט זיך דערווײַטערן פֿון מיר.
שטיי איך פֿאַר אַן אַכזרדיק פֿאַרקראַמפּטער טיר:
איוב — קורח — קיניג ליר...

יפֿו, אַפּריל 1977

*

אפשר דאַרף מען גאָר ניט זוכן שלמות,
נאָר, ווי ס׳מאַכט זיך, לעבן אויף דער וועלט,
וויסן, אַז אַן אײַנפאָרהויז אַיעדע היים איז
וואָס מען נאָר אויף איבערנעכטיקן באַשטעלט?

אפשר?!

אָבער טאָמער, טאָמער איז עס אַנדערש,
און ס׳איז פאָרט דערהויבנקייט פאַראַן,
וואָס אַ ניט־געדענקען זי פאַרברער־און־שאַנד איז
און אַ זען דאָס לעבן ווי אַ שונד־ראָמאַן?

איז שוין בעסער,
בעסער שוין אומזיסט צו זוכן שלמות
און מצער זײַן זיך הלמאַי מע ניט געפינט.
בלעטלער מיטן שם פאַרוואַנדלען זיך אין שמות,
לעבן טראָגט זיך אויף די פליגל פון אַ ווילדן ווינט.

יפו, יולי 1978

*

אין זכּרון ליגט אַ סערוועטל לבנה־שײַן.
אויסגעשפּרייט איז עס פֿאַר מיר אַליין נאָר.
אין אַ לאַנד יוונישן־גזלנישן
האָט מען רק געוואָרפֿן אין מיר שטיינער,

רק דערטראַכט זיך ווי צו פּלאָגן מיך און מאַטערן
צו פֿאַרתּירוצן די אייגענע חטאים.
פֿאַר די אויגן שוואַרצע תּיפֿלה־פֿענער פֿלאַטערן,
מעשׂים־תּעתּועים פֿון די גוייִם.

זאָגן „גוייִם" הייסט דאָך ניט ראַסיסטיש זײַן.
ס'הייסט אַרויסברענגען אַ וואָרט וואָס עס פֿלעגט שרעקן,
ס'הייסט אין זינען האָבן נ י ט ־ ייִדן פֿאַשיסטישע,
קוילערס וואָס מיט ליבע קריסטלעכער זיך דעקן.

אין זכּרון ליגט אַ סערוועטל לבנה־שײַן,
און עס איז צעקאָדערט און באַבלוטיקט.
מיט אַ טרייפֿן כּלומרשט־אמת זאַבאָבאָנעשן
האָט מען אמת זויבערן פֿאַרברודיקט.

ניין, דאָס סערוועטל איז ניט פֿאַרשוווּנדן נאָך,
און נאָך דײַטלעכער אויף דעם זײַנען די פֿלעקן.
אויף מײַן לעבן בראַנדיקן די ווווּנדן נאָך,
כאָטש פֿאַל צו צו זיי, ווי אַ בעל־חי זיי לעקן.

יפֿו, 1978

*

ס׳גיט דער אַרבעס־פֿאַל פֿון די סעקונדעס צו פֿאַרשטיין
אַז עס איז די אייביקייט ניט גאַנץ.

טאַשט דער ווינט די וואָלקנס, לייגט אַ פּאַסיאַנס:
צי סע זאָל אַ דונער אײַנשלאָגן, צי ניין.

און דערווײַל סע מראַקעט גרוי געוויין,
און די אײַנגעגנעצטע פֿייגל שטיקן זייער ליד.

כמאַרעט זיך און ווערט פֿאַרכמאַרעט דאָס געמיט,
און דאָס האַרץ וואָס איז געניט
אינעם כוואַטעווען זיך און אין ווערן מיד,
פֿילט פֿאָרויס אַ שלעכטן אויסלאָז פֿונעם פּאַסיאַנס — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
בלאָנדזשעט מענטש פֿאַרלוירן צווישן וואָר און טראַנס.

יפֿו, אויגוסט 1978

תמימות

די ליכטיקע שעה פֿון באַגינען,
וואָס קען ניט פֿאַרלייַדן קיין אומעט,
אַרייַן איז צו מיר דורך אַ לאָדן־שפּאַרונע
און האָט מיך באַטיילט מיט אַ גינגאָלד־מתּנה.

האָב איך זי אַ כאַפּ געטאָן קינדיש צופֿרידן,
זי טיף אין אַ קופֿערט באַשמידטן באַהאַלטן,
די הענט זיך געריבן ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַ נגיד —
אַ גביריש צופֿרידענעם אוצר־פֿאַרמעגער...

און אַז ס׳האָט דער אָוונט די שיַין אייַנגעשלונגען
און אויג האָט גענומען נאָך ליכטיקייט בענקען,
אַרויסגעשלעפּט האָב איך מייַן זעלטן עשירות
און שטיין כ׳בין געבליבן מיט הענט אויסגעשפּרייטע —
מיט דלאָניעס באַליידיקטע, פֿינגער פֿאַרפֿירטע,
וואָס האַלטן אַ הייַפּעלע שטויבעלער גרויע...

אָ, בראשיתדיק הייליקע שעה פֿון באַגינען,
ווי שיקט זיך עס, דו זאָלסט גענאַרן?

ווילנע, מאַרץ 1969

אייפערזוכט

און איטלעך מאָל,
ווען ס'שווימט פֿאַרביַי אַ וואָלקן פֿאַר דער זון,
כ'האָב אַ געפֿיל: זי ווערט געלעסטערט.

מעג זיַין, זי איז ווי פֿריִער שטראַלנדיק,
מעג זיַין, דער וואָלקן איז ניט בלויז פֿאַרביַי —
ער איז גאָר מער ניטאָ,
און זי איצט טריקנט עס די ערד,
וואָס איז פֿון זיַין אַראָפּרעגענען נאַס געוואָרן.

ווי אָבער שיקט זיך עס,
די זון זאָל זיַין געווען פֿאַרשטעלט,
און נאָך דערפֿון
וואָס איז אַצינד גאָר בלאָטע?..

ווילנע, יולי 1963

כ׳וואָלט זיך אָנגעטאָן אַן אינו־ניראה־מיצל

כ׳וואָלט זיך אָנגעטאָן אַן אינו־ניראה־מיצל
און אַוועק איבער דער שטאָט שפּאַצירן.
גוט איז פֿון אַ פֿרעמדנס בליק צו ווערן ניצול,
און אויף זיך קיין נײַגעריקייט ניט צו שפּירן.

כ׳וואָלט אַרײַנגעקוקט אין קראָם־וויטרינעס,
זיך געפֿרייט וואָס מײַן געשטאַלט ניט שפּיגלט זיך דערנעבן מאַנעקענען,
און וואָס קינסטלעכע פֿאַרפֿרוירן־גלײַכגילטיקע מינעס
מײַנע עכטע, לעבעדיקע תּנועות ניט פֿאַרשעמען.

זאַט זיך אָנגעקוקט, אַוועקגעשפּאַנט כ׳וואָלט ווײַטער,
אין המון אַרײַנגעפֿלאָכטן זיך פֿאַרניסתּרט
און מיט אַ הנאה דעמאָניש פֿאַרשײַטער
קונדסדיק אין אויערן אַרײַנגעפֿליסטערט...

אָבער טאָמער — אַזוי גייענדיק — איך וואָלט חלילה
מיט אַן עלנבויגן עמעצן פֿאַרטשעפּעט,
און ווי תּמיד אין אַ פֿאַל אַזאַ אַ בעט געטאָן מחילה,
און דערמיט אַנטפּלעקט אַז אַ פֿאַרהוילענער לעפּעטשעט,

וואָלט עס דאָך מײַן אינו־ניראהדיקייט זויבערע געטאָן פֿאַרשטערן,
מע געטענהט וואָלט: „דאָס שעפּטשעט עמעצער פֿון די ניט־גוטע"...
אַזוי אָפּט עס חשקט זיך אַן אינו־ניראה ווערן,
ווערט מען גאָר פֿאַרטריבן צו די לאַפּיטוטן.

יפֿו, אויגוסט 1978

חמסין

שַדיס אַטעם,
וואָס דו קומסט פֿון מידבר,
פּײַניק ניט!

צווינג ניט,
סע זאָל זיך אַ בענק טאָן
נאָך די שנייען פֿון סיביר!..

אמת יעדער, יעדער מקום
האָט עפּעס
וואָס ס׳קוועלט דעם מענטש,

אָבער ס׳אָרט פֿון מתּן־תּורה?!..

גאָט פֿון סיני,
שווער — דײַן שטראָפֿוואָרט,
אָבער, דאַכט זיך, אַז נאָך שווערער
איז דײַן אָטעם — אָן שום וואָרט.

יפֿו, סעפּטעמבער 1976

דער ים־התיכון

דער בלויער אויגאַפּל פֿון אונדזער ערד — דער ים־התיכון,
דער וווּנדערלעכסטער ים אויף דער פּלאַנעט,
וואָס די גן־עדן־טײַכן: פּרת, חדקל, גיחון
אין שענקען זייער שטראָמיקייט אים האָבן זיך פֿאַרוועט,

דער גרויסער ים וואָס צווישן דרײַ צונויפֿגעקניפּטע קאָנטינענטן,
וואָס לעבן אים געשטעלט האָט אונדזער שטאַם די סאַמע ערשטע זײַנע טריט,
האָט ליב מיט בליציק־קוויקנדיקן בלוי צו בלענדן
און זײַן באַזוימט מיט שוים, נאָר ווײַסערן פֿון עפּלצוויט.

דער זוניקער, דער בליאַסקעדיקער ים־התיכון,
דער שפּיגל לויטערער פֿאַר אונדזער אומהס פֿרייד —
דער פֿרייד וואָס הייבט זיך אָן מיט די נצחונות איבער עוג און סיחון,
דער פֿרייד וואָס אייביקער איז פֿון אַ שטיינערנעם גַל־עֵד...

דער ים־התיכון, ליבער ים־התיכון,
איך וואָלט אויף אים אַרויפֿצִיִען דרײַ חוּר־כּרפּס־ותכלת־ציכן.

יפֿו, יולי 1977

יונגשאַפט

האָב איך הײַנט מײַן פֿענצטער אויפֿגעעפֿנט ברייט,
זאָל די זון אַרײַנפּליעסקען דורך אים איר פֿרייד,
זאָל אַ פֿויגלס צוויטשערײַ צו מיר אַרײַן,
לופֿטיקער און זוניקער זאָל זײַן!

האָב איך הײַנט מײַן העמד צעשפּיליעט ברייט,
זאָל פֿון ברוסט מײַנער אַרויסשפּאַרן די פֿרייד,
זאָל מײַן האַרצס געזאַנג — דערפֿרישט און נײַ —
זיך אַרויסרײַסן: אַ פֿויגל אויף דער פֿרײַ!

האָב איך זיך בײַם פֿענצטער אָפֿענעם געשטעלט:
פֿרייד פֿון האַרץ אַנטקעגן פֿרייד פֿון וועלט.
שוועלבעלער געשטוינט האָבן אין נעסט,
זעענדיק דעם ליכטיקן פֿאַרמעסט...

קאָוונע, 1938

אַ שטערנדל

איך ווייס ניט, ווי דאָס איז געשען,
נאָר מיט אַ מאָל
כ׳האָב אָנגעהויבן אויסטיילן
אײן שטערנדל אין הימל.
אַ פּיצעלע אַזאַ —
קיין אויסזען און קיין אָנזען ניט,
און עס געגומען ווינקען האָט מיר
מער פֿון אַלע...

כ׳דערקען דעם גרויסן בער,
איך ווייס, ווי סיריוס און ווענאַ
צו געפֿינען.
נאָר דאָ אַ שטערנדל אַ קליינס,
וואָס קוים מע זעט עס אָן,
וואָס קיינעם פֿאַלט ניט אײַן,
אַז האָבן ס׳קען אַ נאָמען,
צום ערשטן איך באַמערק,
און ווי כ׳דערזע עס נאָר,
אויף אַלע איבעריקע
איך פֿאַרגעס צו קוקן...

אַ שטערנדל אַ קליינס
זאָל קענען אָנפֿילן דאָס האַרץ
מער פֿון אַ גאַנצן הימל שטערן?!

ווילנע, יוני 1963

אַן אַלטער ניגון

אַן אַלטן ניגון האָט געבראַכט דער ווינט.
האָב איך דערפֿילט זיך, ווי אַ מאָל, אַ קינד,
דערזען: וואָס שוין פֿאַרגעסן כ'האָב געהאַט
אין יאָרן פֿון גערודפֿט זײַן און נע־ונד.

דערזען איך האָב זיך ווידער אַ מאָל דאָרט
ווו איך אַרויסגעבראַכט האָב ס'ערשטע וואָרט —
דאָרט ווו צום ערשטן מאָל איך האָב באַמערקט
אַז עס איז בלוי דער הימל, ברויִן — די ערד...

אַן אַלטן ניגון האָט דער ווינט געבראַכט —
אַן אויסגעפֿײַפֿטן אין אַ קוימען בײַ דער נאַכט.
ניטאָ איז מער דער קוימען! . . . און דער ווינט
אים ווי אַ ווידערקלאַנג אין מײַן געדעכעניש געפֿינט...

וואָס טוט מען מיטן ניגון פֿון אַמאָל,
וואָס קלינגט הײַנט ווי אַן איבערגעקרימט קול?
אַן אַלטער ניגון בײַ אַ יונגן ווינט...
איז צוצוהערן זיך צו אים דען ניט אַ זינד?

ווילנע, אַפּריל 1964

שוואַרץ און ראָז

ווען כ׳זאָל ניט זײַן אַ זון פֿון פֿאָלק
דעם זינט יאָרטויזנטער געפּײַניקטן, געיאָגטן,
וואָלט איך געוויס ניט אַזוי שפּירעווודיק געווען
צו די קאָלירן שוואַרץ און ראָז.

איך זע די וועלט, אַזעלכע ווי זי איז,
איך קוק מיט אויגן מענטשלעכע,
וואָס אַט זײַנען זיי ווײַטזעיִק,
אַט — קורצזיכטיק כּמעט ביז בלינדקייט.

כ׳האָב ראָזע ברילן זיך פֿאַרשאַפֿט,
דאָך ווי נאָר קוקן כ׳נעם דורך זיי
כ׳דערזע די שוואַרצע גלעזער,
וואָס פֿון זיי באַפֿרײַט כ׳האָב מײַנע אויגן —

באַפֿרײַט, דאָך ניט צעשמעטערט זיי;
איז ליגן זיי פֿאַרלאָזן אין אַ זײַט,
און ווי נאָר ס׳פֿאַלט אויף זיי אַ שײַן,
הייבט גלײַך אָן בלאַנקען זייער חושך...

אָ, שוואַרצער שימער, טו זיך אָפּ, פֿאַרשווינד!
צו מײַן פֿאָלק ראָזע וועלטזעונג געהערט.
אין איר — דער אָפּשײַן פֿון די שײַטערס,
אין איר — דער זונאויפֿגאַנג פֿונעם בטחון.

ווילנע, אַפּריל 1971

צום ייִדישן זעלנער

מיִט אַזעלכע הענט, ווי דײַנע,
פֿלעגט אַ מאָל דער זיידע בענטשן
פֿאַר ער גיין פֿלעגט צו כּל־נדרי.
מיט אַזעלכע גוטע הענט
האָט די מאַמע ערבֿ־שבת
(פֿון דער לאַנגער וואָך אַ מידע),
ווען די ליכט האָבן געברענט שוין,
פֿרום די אויגן זיך פֿאַרשטעלט.

אויף אַזעלכע הענט, ווי דײַנע,
האָבן קוילערס ערד געשאָטן
איידער נאָך דאָס בלוט געגליווערט
האָט אין בלייכע גוטע הענט.
פּונקט אַזעלכע הענט, ווי דײַנע,
האָבן הינטער שטעכלדראָטן
פֿון קאָנצלאַגערן און געטאָס
זיך אומזיסט צו גאָט געווענדט.

נאָר אַזעלכע הענט, ווי דײַנע, —
העל פֿון לײַדן און פֿון בענטשן,
קענען לײַטערן דעם מענטשן,
ראַטעווען פֿון בייזס די וועלט.

נאָר אַזעלכע הענט, ווי דײַנע,
נאָר אַזעלכע ה ע ל ע הענט!...

אַלמאַ־אַטאַ, נאָוועמבער 1943

אַ ייִדיש ליד

גאַנץ אייראָפּע, גאַנץ אייראָפּע
איז געווייקט אין אונדזער בלוט.
רויט עס זײַנען דעמב און טאָפּאָל
בײַ דעם ניעמאַן, ווײַסל, פּרוט.

אויסגעלייִדיקטע די שטיבער
(ס׳האָט מזוזה ניט פֿאַרהיט).
פּוסטע שטיבער, פֿולע גריבער.
דאָ האָט עס געלעבט דער ייִד!

דאָ, ווו מע האָט ש״ס געלערנט,
איז קיין שיימע מ׳ער ניטאָ.
דער פֿאַרגעסנהייט געהערן
סײַ דער בעש״ט, סײַ דער הגר״א.

אין די קאַלכאויוונס פֿאַרטריבן
זײַנען מוסר, פּוסקים, ח״ן,
פֿון עם־סגולה איז פֿאַרבליבן
נאָר אַ סיבה פֿאַר געוויין...

אָ, פֿאַרשאָלטענע אייראָפּע,
גיב מיר אָפּ די זעקס מיליאָן!
ברודער־קברים — קהל־קברים
אונטער סאָסנע, דעמב און קליאָן.

ווילנע, 1945

האַרבסט 1941

(ליד פֿון אַ מלחמה־פּליט)

כ׳וואָלט אַ בריוו געשריבן,
איז ניטאָ צו וועמען.
מײַנע פֿרײַנד און ליבסטע
ליגן ערגעץ טויט.

כ׳בין אַליין געבליבן
זיך פֿאַר זיך צו שעמען,
וואָס אין שעהען טריבסטע
כ׳קען נאָך עסן ברויט...

אין מײַן בענקשאַפֿט־נעפּל —
שווערער כמאַרע בלויער —
הער איך העלע נעמען,
זע איך טויטע קעפּ.

נעמט צו מיר זיך קלעפּן
אַזאַ זלידנער טרויער,
ווערט מיר טרייף מײַן לעבן,
אַלמאַי איך לעב.

אַלמאַ־אַטאַ, 1941

בין אָדם למקום, בין אָדם לחברו

אויפֿגעקומענע
געדענקען ניט די אומגעקומענע.
עס גענומען פֿינצטערע
דאָס ליכט פֿון ליכטיקע
און געבווירן איבעריקע שאָטנס.

האָסט זעקס טעג כּסדר,
גאָט, „כּי טוב" געזאָגט,
דײַן געשטאַלט אַנטלײַען ניט געזשאַלעוועט.
ווי זשע קען נאָך דעם אַזוי פֿיל אומרעכט זײַן?

פּרוּוו איך, גאָט, פֿאַר דיר אויף דיר באַקלאָגן זיך,
הלמאַי דו האָסט באַשאַפֿן אונדז אַזעלכע נישטיקע.
ווײַנען מיר — די מיטן צלם־אלוהים באַשאָנקענע —
און פֿאַרקרימען און באַליידיקן דעם צלם־אלוהים.

אין דער וועלט ווו אַלץ פֿון דיר באַרעכנט איז,
אין דער וועלט ווו אַלץ פֿון דיר באַרעכטיקט איז,
ווי אַזוי איז מעגלעך גאָר סע זאָל דאָס לעבן זײַן
בלויז אַן אַבזורדיק פֿאַרצוקעניש?

לאָמיר גלייבן דיר, אַז ס'קען ניט אַנדערש זײַן,
און כּדי דאָס לעבן ערדישע זאָל קיִומען:
מוז יעדער באַשעפֿענישן־מין פֿאַרצוקן אַנדערע...
אָבער מענטש דעם מענטש — דער אייגענער און זעלבער מין??

כ'מאָן שוין ניט פֿון יענע — די פֿאַרחיהטע,
די שטאָק פֿינצטערע — אי מערדערישע אי קברנישע,

אָבער די וואָס פֿונעם שטאַם פֿון די קרבנישע,
די וואָס דאַרפֿן אויפֿהאַלטן דעם אָטעם פֿון פֿאַרלענדטן דור?!

ווײַ, אויך זיי, ווי נישטן אויפֿגעקומענע,
ניט געדענקען מער די ברידער אומגעקומענע,
און מיט פֿריידן וואָלוועלע, הצלחות גראָשענע
דעקן זייערע זכרונות אויסגעלאָשענע...

יפֿו, סעפּטעמבער 1977

אַ באַגעגעניש אין פּאָנאַר

— איך זאָג דיר: שטיי!
ווער ביסטו, וואָס דו שלעפּסט זיך בײַ דער נאַכט אַרום דאָ?
מיינסט אויסגראָבן אַ מת, אַראָפּרײַסן דאָס גאָלד
פון ציין אין קינבאַקן פון גסיסה־קראַמף פאַרקרומטע?
ס'וועט ניט געראָטן דיר. מע האָט עס פריִער שוין געטאָן —
איעדער שטיקל גאָלד איז שוין פון לאַנג אַראָפּגעריסן,
און נאַקעט ליגן מתים דאָ מיט ביינער זייערע און ציין,
אַזוי ווי גרויליק נאַקעט עס איז דײַן געוויסן.
ווער ביסטו ווער?
צי אפשר גאָר געקומען ביסט אַהער
דאָס פעלד ווי אַ בית־עלמין מעסטן?

— איך בין י־ח־ז־ק־א־ל!!
יחזקאל פון די זעונגען בײַ דעם טײַך כּבֿר אין ארץ־כּשׂדים,
דער נבֿיא וועלכן גאָט האָט קיין מאָל ניט גערופן אַנדערש ווי „בן־אָדם”,
דער זעער וואָס זײַן ברויזנדיק געמיט פון גלות־ווייטיקן צערעשטן
האָט תּמיד אין משונהדיקסטע בילדער אויסגעלאָדן.
מיט קאָלטענעס צעפּאַטלטע איך האָב געטראָגן זיך, ווי כ'וואָלט געפלויגן.
געשלײַדערט בליצן האָבן די צעפּראַלטע שוואַרצאַפּלען פון מײַנע אויגן —
די שוואַרצאַפּלען וואָס סײַ בײַ טאָג סײַ בײַ דער נאַכט זיי זײַנען אויפגעריסן־אָפן
אויף צו אַנטפּלעקן ווען מע דאַרף טרייסטן, ווען — שטראָפן...
דאָ איז פּאָנאַר, אַיאָ? און איך קום איצט אַהער, דו ווייסט פון וואַנעט?
פון אוישוויץ, באַבי־יאַר, טרעבלינקע און מײַדאַנעק.
באַקענט זיך מיטן אויסראָטערס נשמהס תּהומען,
און טאָלן אָנגעוואַלגערטע מיט אויסגעטריקנטע פאַרקוואַרטע ביינער,
איך שלעפּ זיך אום איבער אייראָפּעס שווידערלעכע סדומען
אַ שוין צו שפּעט נקמה־גיריקער באַוויינער...

וואָס האָב איך דען אַ מאָל געזען, איך נאַרישער בן־אָדם,
כאָטש יאָרן טויזנטער געשמט האָט אויף דער ערד מײַן זעונג?
אַזוי אומזיסט האָט דאָך מײַן בלוט ס׳נבֿיאישע געזאָדן,
איך נאַרישער, איך אין־זיך־אײַנגעגלייבטער תּמימותדיקער זעער!...

איז הער, מײַן קינד — פֿאַריתומט אייניקל פֿון ווײַטער ליטע —
איך ברענג אַן אמת דיר פֿון כּבֿר אויף דער ווילִיע:
עס טאָר ניט אַ געלעסטערטער זײַן בלויז פֿאַרביטערט,
אַ זינד איז מיטצובלוטיקן מיט יעדער שקיעה.
איך וויס:
דו זעסט דעם טאָל מיט ביינער אויף דער וואָר און אויך אין חלום זעסט אים.
איך וויס:
ס׳איז טרוקן יעדער ביין — אין בלוט געווייקט און טרוקן.
איך וויס:
פֿאַרקוואַרט זײַנען די רעשטלעך הייליקע פֿון דײַנע ברידער, דײַנע שוועסטער.
איך וויס:
דו הערסט ניט אויף פֿאַר זייער קדושים־אומקום זיך צו בוקן
און ס׳איז פֿאַר דיר אַ חוק געוואָרן אין דײַן ווייטיק זיך צו טוקן...

געדענק אָבער, מײַן קינד — מײַן ווײַט־ווײַט אייניקל, וואָס ס׳רעדט צו דיר יחזקאל
(מײַן באָרד, מיינסט, שויבערט עס דער ווינט? דאָס פֿיבער איך פֿון שׂינאה)
איך וויל, אַז אין דײַן איידל האַרץ זאָל האַרטסטער אומרחמנות נעסטן,
און האַס צום אויסראָטער אַ היים באַשטענדיקע זאָל אין דײַן זעל געפֿינען.
יאָ, אויפֿלעבן די אינעם טאָל צעוואָרפֿענע פֿאַרקוואַרטע ביינער,
זיי אַ נאָך שטאַרקערן, נאָך מער עקשנותדיקן רוח־חיים געבן,
און זאָלסט ניט רוען ביז דו וועסט מיט שווערסטע פֿעלדז־גליבעס פֿאַרשטיינען
די יעניקע וואָס זייער פֿרייד אין לעבן איז פֿאַרשנײַדן לעבן.

ווילנע, מײַ—יוני 1945

אַ ווײנענדיק פריילעכס

(נאָכמלחמה־ליד)

שפּיל, שפּיל
אויפֿן פֿידל,
כּל־זמן גאַנץ ס'איז כאָטש איין סטרונע,
מונטער אויף די זין און טעכטער
פֿון דײַן אומגליקלעכער אומה!

צי, צי
דאַרן סמיטשיק
איבער אָפּגעהאַקטן אָטעם —
שפּיל דעם ניגון פֿון די חורבות
לויט דײַן תּקופֿהס פֿאַלשע נאָטן.

גיך! גיך!
האַסטיק, אײַליק —
פּרעסטאָ, וויוואָ און וויוואַטשע!
עס פֿאַרפֿלייצן זאָל דעם אויסטראַכט
וועגן ניצן בלוט אויף מצה...

„הײַל!", „הײַל!",
„העפּ!", „פֿערעקע!" —
שנײַדט דער בילבול טיפֿע שניטן:
„ייִדן זײַנען באָלשעוויקעס
און די ,געלטזעק' זײַנען ייִדן!"

צופּ, צופּ!
פֿאַר צוזאַמען
כוליגאַנישסטע אַקאָרדן —
מיש צונויף דעם קדושס כאָרכלען
מיטן קלאַנג פֿון האַס און מאָרדן!

פֿליק! פֿליק!
רייַס די הערצער
מיט אַ זעגיקן סטאַקאַטאָ!
שרייַ, האָסט ניט געהאַט קיין מאַמע
און אַפּשיטא שוין — קיין טאַטע...

זיפֿץ! קרעכץ!
און זיפֿץ ווידער!
(האָלדער־נוסח פֿון סינקאָפּע).
סאַקסאָפֿאָן קאַליעטשעט לידער
אויף די קברים פֿון אייראָפּע...

ווילנע, יאַנואַר 1945

אַ לאָרעליַי־ליד

איך ווייס ניט וואָס קען דאָס באַטײַטן,
וואָס איך אַזוי הײַניש הײַנט בין.
אַ ליד פֿון אַמאָליקע צײַטן —
אַ גאָלדענעם פֿאָדעם איך שפּין.

די לופֿט איז קיל און פֿאַרשלומערט,
דאָך וואַך איז דאָס וואַסער פֿון ריַין,
און ס׳שווימט אויף זײַן בלוי־גרינעם אומעט
דער זונזעצונגס בלוטיקע שײַן.

איך ווייס, אַז מע קען ניט פֿאַרמײַדן
דעם אונטערגאַנגס פֿלאַמיקע שפּיל,
נאָר איך מײַן געזאַנג וויל ניט בײַטן,
דעם גאָלדענעם פֿאָדעם איך שפּין...

איז בײַסן דעם פֿאָדעם און בײַסן
סעקונדעס — די ציין פֿון דער צײַט.
זיי וועלן, וויי־וויי, אים צערײַסן
דעם איידעלן פֿאָדעם פֿון זײַד;

לעבט אויף אַ פֿאַרגאַנגענער אומעט,
די חרפּה פֿון בוגד זײַן בײַטשט:
אַ ליריקער־און־אַ־משומד
געדריבלט האָט הערצער אויף דײַטש,

דערגאַנגען איז ער צו חרטה
(ווי קומט עס, ער האָט זיך געשמדט?
אַן אָסט־יודע איז אַ קאַפּאָטע
געוויַיכט וואָלט פֿון אומה־פֿאַררַאַט...)

האָט ער מיט זײַן לידאָטעם גרינגן,
דאָך זינדגעפֿיל שווערן ווי בלײַ,
געפּרוּווט זײַן צעצווייטקייט פֿאַרזינגען
מיט לויבגעזאַנג פֿאַר לאָרעלײַ —

פֿאַר איר, דער מיט גאָלדענע לאָקן,
וואָס קעמט זי מיט גאָלדענעם קאַם,
פֿאַר איר, וואָס די שיפֿערס טוט לאָקן —
דער שענסטער פֿון רײַנישן שטאַם.

ווער איז זי די בילד שיינע הילע
אַרום דעם גערמאַנישן תּוך?
צי איז זי אַ מאָל ניט, חלילה,
די נאַצישע צויג אילזע קאָך?

יפֿו, יאַנואַר 1979

בלויע בומעראַנגען

אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

איך ווייס ניט, ווער ס'האָט מיך אַ רוף געטאָן, און איך אַוועק בין,
און כ'ווייס אויך ניט, ווער ס'האָט דערנאָך מיר שטיין בלײַבן באַפֿוילן.
דערזען האָב איך אַ פּוס אַרומגעגריזשעטן — אַ סודותפֿולן שרעקביין
(ער איז געלעגן און געטריקנט זיך, אַנשטאָט צו פֿוילן).

געווען איז עס אַ שוידער־זעונג וועלכע טרעפֿט בלויז בײַ אַ נביא,
און איך בין דאָך אַ מענטש אַ פּשוטער, אַ גרויער הדיוט.
מיר דוכט, אַז מיך גערופֿן האָט די שטאַראַוויגיקע סאָווע,
און איר פֿאַרשאָלטן קללה־קול פֿון מײַן געהאָרכיק זײַן געשפּעט האָט.

ניין, ס'איז ניט צופֿעליקייט. עס איז גזר פֿון דער השגחה.
כּל־זמן נאָך גרוילן פֿון די קאַלבאַוויונס דערקוטשען,
כּל־זמן עס איז נאָך רוצחישע פֿאַרווילדפֿלייטע עפּאָכע,
מוז אויך אַ מלאך־אלוהים אַפֿילו, ווי אַ הונט סקאַווטשען...

יפֿו, סעפּטעמבער 1977

דער משוגענער נבֿיא

איר בענקט נאָך מײַן מוסר? מײַן וואָרט איז ניט הפֿקר.
עס וויל מער ניט טעסען פֿאַרקיזלטע הערצער.
גענוג אײַך געטאַדלט, גענוג אײַך געוואָרנט.
זאָל קומען דאָס אומגליק, ניט אָנגעזאָגט פֿריִער!

איך וועל ניט פֿאַרשאַפֿן אײַך מער די הנאה
פֿון קענען זיך קלאָגן אַז איר זײַט באַעוולט.
איך האָס אײַער פּחד, פֿאַראַכט אײַער מורא,
בעל־חייִשע אימה פֿאַר אַלץ וואָס איז אומקלאָר;
עס איז מיר דערעסן אײַך שטענדיק צו שטראָפֿן,
מײַן וואָרט זײַנע נעגל אין אײַך האָט צעבראָכן.

וואָס קוקט איר אויף מיר מיט צעצווייִקטע בליקן:
מיט שרעק פֿאַר מײַן וואָרט און מיט שפּאָט צו מײַן אויסזען?
נו יאָ, כ׳בין באַוואַקסן מיט פּאַטלעס ווי שלאַנגען,
איך נעכטיק אין היילן און לעב צווישן חיות,
סע זאָל מיר פֿאַרשטענדלעכער זײַן אײַער אויפֿפֿיר.

איך ווייס: אײַך איז שווער אָן אַ נביא צו לעבן.
אים האָרכן איר ווילט ניט, נאָר הערן אים גלוסט זיך.
פֿאַרגעסט, אַז פֿאַראַן איז אַ בריאה אַ ווילדע,
אַן אַלע מאָל גרייטע געלעסטערט צו ווערן!
ניט מיינט, אַז ס׳איז מעגלעך צו שפּײַען אין פּנים
און נײַע געטרײַשאַפֿט פֿאַר דעם צו באַקומען...

וואָס קוקט איר מיך אָן מיט פֿאַרגלייזטער הכנעה?
ניט שרעקט זיך פֿאַר מיר, איך האָב מורא פֿאַר אײַך גאָר
נאַכסאָל איך געווען בין אַ נבֿיא פֿון אמת,
בעת אײַך (און אויך מיר) איז גאָר ליבער דער שקר.

שוין לאַנג ווי איך האַלט אַז מײַן צונג איז אַ נפֿקא
וואָס שלייערט זיך קינציק אין הייליקע ווערטער,
און ס׳האַוועט מײַן זינען — דער שפּלסטער רמאי
זינט ער האָט דערטראַכט זיך רק אַלעמען לערנען...

איז לעסטערט מיר, שענדט מיר, האָט פֿײַנט אײַער נבֿיא!
זײַן שטענדיק אײַך שטראָפֿן פֿאַרדינט אײַער שׂינאה;
נביאות איז סם, און נביאים — פֿאַרסמערס,
צעשטערערס פֿון שלווה און זייערס פֿון אַנגסטן.

אָ וויי, ווי איך בין אײַך, די טויבע, מקנא,
וואָס איר האָט אַן אויער וואָס נעמט גאָרנישט אויף מער!
זײַט איר איצט די שטראָפֿערס, און איך — דער ניט־האָרכער,
פּרוווט איר מיך באַקערן, און איך וועל אײַך שענדן,
צערודערט מײַן שלווה מיט גאַליקע ווערטער
און וואַרפֿט מיר אין פּנים דאָס בייזס וואָס דאַרף קומען!

ווער דאַרף דען דעם נביא וואָס ברײַט רק דעם אמת?
עס נייטיקט די וועלט זיך אין פֿאַלשע נבֿיאים.
זאָל אויסגיין דער מענטש וואָס פֿאַרליבט איז אין קלאָרקייט,
פֿאַרמיאוסט זאָל ווערן דאָס שפּלע שליחות
פֿון שענקען די בלינדע אַ ראִיה פֿאַר צרות!

ווי־וויי, וואָס אונדז, נאַרישע בריאות, געשען איז:
באַזעצט האָט אין אונדז זיך די ווילדע מאַנקאָליע
אַז מענטש איז ביכולת פֿון זיך צו זײַן גרעסער...
און איר מיינט עס ערנסט,
און גאָט מיינט עס ערנסט,
און איך מיין עס ערנסט,
און אַלע גענאַרן.

ווילנע, יולי 1969

צווישן אָנהייב און סוף

ס'שטאַרבט דער פֿילאָסאָף
וועגן אָנהייב, וועגן סוף,
און דעם דיכטער קלעקט דער מיטן
(ווי דער הײַנטטאָג ווערט צעביטן).

בלעטער איך אַ קלוגן בוך
און דעם גרויסן זינען כ'זוך:
אַלע אמתן איך קלײַב,
און צום סוף: בײַם אָ נ ה י י ב כ'בלײַב.

נעם אַ פּען איך און פֿאַרצייכן
אַלע אויפֿשטײַגן צו הייכן,
אויפֿגלי, אויפֿבליץ, שײַן און בלענד.
זע איך באַלד: כ'שטיי פֿאַר אַן ע נ ד.

ווי זשע, ווי זשע און בײַ וועמען
קען מען גאָלע מ י ט ן נעמען?
אָט דעם מיטן — ליבן מיטן
וואָס די עקן האָט געמיטן?..

ווילנע, נאָוועמבער 1964

שׂרפה

גלאַנצן פֿײַערלעשער־קיווערס קעגן זון —
שערבלעך פֿרייד אין אומקומס שוואַרצע פּאַטלעס.
שוואַלבן טראָגן זיך צעבראַסטעטע אום
פּאַזע גרויען קרעפּ און רויטן אַטלעס...

אַלצדינג פֿיבערט, אַלצדינג שמײַעט, אַלצדינג אײַלט
אינעם פֿײַער־וואַסער — פֿלאַם־און־שטראָם־געראַנגל.
קראַבט אַ קראָקווע און בלײַבט הענגען אויף אַ זײַל,
אַן אַרומגעוויקלטן מיט צונטערדיקע שלאַנגען...

מענטשן שרײַען, שטיקן זיך מיט זייער אָטעם אין געלאַף;
מענטשן שטייען אָפּגערוקט און קוקן אויפֿן גרויליקן בייז־וווּנדער.
דאָ מע ווערט פֿאַראומגליקלעכט, און דאָרט — מע גאַפּט...
סאַראַ ענלעכקייט צו אונדזער אָנגעפּיליקן יאָרהונדערט!

ווילנע, סעפּטעמבער 1971

אין שטאָטוואַלד...

מידע מענטשן זײַנען מענטשלעכער.
מי מאַכט מיד און מילד.
שטייט אַ סלופּ — אַ גרויער קענצייכן
און אויף אים אַ שילד:

רעכטס — דער וועג צום בלײַ פֿון האָרעווען,
לינקס — צו פֿוילער רו.
צווישן — שלענגלט זיך דער פּשרה־וועג
(וואָס איז צוויי מאָל קרום).

הערט, ווי שיין די קליינע נאַכטיגאַל
די פֿאַרשטאַרטע שלווה שפּאַלט.
קען דען עפּעס זײַן נאָך פּראַקטיקער
ווי אין שטאָט אַ וואַלד?!...

קען דען עפּעס זײַן אומזיניקער
ווי אַ וואַלד אין שטאָט?
שטייט אַ וועגווײַזער אַ ציניקער
און פֿאַרבעט, פֿאַרבאָט...

ווילנע, מאַרץ 1966

*

גאָט,
פֿאַר וואָס דאַרף זײַן מײַן מי ווי פֿון דער ווערקע אין ראָד?
הגם עס איז איר בריִהן־זיך באַגלייט
פֿון אַזאַ העלער כּלומרשט־אויפֿטו פֿרייד,
הגם אַרום מע שטייט פֿאַרגאַפֿטע און מע שטוינט
ווי ס׳ברוינע נפֿשל זײַן מי און פֿלײַסיקייט ניט שוינט,
מוז דאָך מצער זײַן, למאַי עס קיינעם ניט פֿאַרדריסט,
וואָס זי זיך דרייט אַזוי אָ אומזיניק־אומזיסט...

גאָט,
און אפֿשר איז עס אײַזערן געבאָט?
און דו אַפֿילו דרייסט דעם ערדקײַלער — אַ ווערקישע ראָד?

יפֿו, אויגוסט 1975

בין אָדם למקום

מענטשן זײַנען צו קנאַפּ געטלער.
געטער זײַנען צו קנאַפּ מענטשלער.
גאָט און מענטש — האַרט־אײגנליביק,
יעדערער זעט זיך אַליין נאַר.

גייט דער נביא אום פֿאַרביטערט,
קאַטעוועט מיט מוסר־ריטער.

מענטשן זײַנען צו קנאַפּ געטלער.
געטער זײַנען צו קנאַפּ מענטשלער.
די און יענע — קראַנק אויף גדלות,
אויף באַגעריקייט צו הערשן.

ווײַל דער נביא עס ניט מערקן.
אים גייט אָן בלויז: גיין זײַן שליחות...

מענטשן זײַנען צו קנאַפּ געטלער.
געטער זײַנען צו קנאַפּ מענטשלער,
און דער נביא פֿלאַמט פֿון אײפֿער,
שלײַפֿט דעם חלף פֿון זײַן צאָרן.

קען דען דער, וואָס איז פֿאַרביטערט,
זײַן אַ טויגיקער פֿאַרמיטלער?

מענטשן זײַנען צו קנאַפּ געטלער,
געטער זײַנען צו קנאַפּ מענטשלער,
און נבֿיאים — צו פֿאַרבלענדט!

ווילנע, סעפּטעמבער 1970

חלום

מעג זײַן, דער חלום איז
אַן איבערקרימונג פֿון דער וואָר,
מעג זײַן, ער איז
אַ נישט־געשטויגן־נישט־געפֿלויגן.
דאָך ס׳יווירט עפּעס נבֿואהדיקס
אין זײַן פֿאַרגלייזטן אומקלאָר־קלאָר,
אַז ס׳קומט אויס: בעסער פֿון די אָפֿענע
סע זעען צוגעמאַכטע אויגן...

צי דען בלויז דעמאָלט,
ווען עס עקט זיך דער געדאַנק,
הייבט אָן זיך
דאָס ניט־וואָכעדיקע לעבן,
און ס׳איז אַ תּענוג,
אויפֿצוהייבן דעם פֿאַרלאַנג
אויף פֿליגל וואָס אין בין־השמשות־וועלטן שוועבן?

אַזוי אָ וווּנדערלעך איז
דער אין־נעפּלען־אײַנגעהילטער יש
וואָס אויף דער גרענעץ
צווישן אמת און ניט אמת,
ווו אַלץ וואָס צינדט זיך,
צינדנדיק זיך לעשט,
און יעדע קלאָרקייט
בײַ אַן אומקלאָרקייט אין קלעם איז...

ווילנע, אָקטאָבער 1963

ערגעץ שפּילט אַ פֿידל בײַ דער נאַכט

אַ פֿידל שפּילט. די סטרונע וויינט,
דערמאָנט מיר ווײַטע יאָרן,
וואָס פֿערציק יאָר שוין כ'האָב געמיינט
אַז כ'האָב זיי אָנגעוואָרן...

דער פֿידל כליפּעט — וויינט זיך אויס
פֿאַרסירעפּט און צעצויגן,
ווי די נשמה פֿון אַ הויז
וואָלט עס אַרויסגעפֿלויגן;

און ווי אַ הוילער צאָן בלײַבט שטיין
די שטאָט אָן פֿידלס וויינען.
די גאַס — אַליין, און איך — אַליין,
אַ גאַנצע וועלט — אַליינען...

געהערט כ'האָב אין די פֿערציק יאָר
די סאַמע בעסטע פֿידלערס,
נאָר מיט אַ מאָל מיר דאַכט זיך גאָר,
אַז אָט דער לאַקרעץ־לידלער,

נאָר ער אַליין מיט זײַן געוויין,
געשמאַקלאָזיקן קלאָגן
פֿאַרמאָגט דעם שלמותדיקסטן חן,
האָט וואָס דעם האַרץ צו זאָגן.

און כאָטש ס'איז צעוודיק זײַן כליפּ —
אי לאַקרעצדיק אי גליטשיק,
איז ער מיר אַזוי פּײַנלעך ליב —
מײַן קינדהייט גלעט זײַן סמיטשיק...

ווילנע, אַפּריל 1957

דער זינגער

געחלומט האָט זיך מיר,
איך בין אַ סאָלאָוויי:
כ׳בין קליין, כ׳בין גרוי,
איך שרעק זיך פֿאַר אַ שפּאַרבער
און איך זינג.
זינט כ׳האָב צוריקגעקערט זיך
פֿונעם זונענלאַנד
ביז אויסזײַצן מײַן פּאָרעלע
וועט ס׳לעצטע איי,
איך וויג זיך אויף דער צווײַג
און אין אַ ברויזנדיקן טרעלן־ים
איך זינק...

די נאַכט איז שוואַרץ,
דער קוסט געדיכט,
דער פֿליגל פֿון טומאַן
באַדעקט מײַן גרוי געפֿעדער,
און ס׳בײַטשט און נאָדלט
מײַן געזאַנג,
און קנײַפּט, און גלעט
אי הײַזקעס מאָביקע,
אי בלײַענדיקע סעדער...

נאָר איז דען עפּעס ווערט
מײַן פּישופֿדיקע שטים?

און סאַראַ חשיבות האָבן
מייַנע טשאַקעדיקע קלאַנגען,
אויב אין סך־הכּל בין איך
פֿונעם שפּערל־מין
מיט אַלע גרויע נעבעכדיקע
שפּערעלע־פֿאַרלאַנגען ?...

ווילנע, יאַנואַר 1968

פּאָפּ־מוזיק

ניטע, טיפּשותדיקע פֿידלען!
הערט שוין אויף אַזוי מתיקותדיק צו וויינען!
„ליריק" הייסט היינט, ווען די גראַגער־כּלים זידלען
און די פּויק פֿלײַסט זיך מיט בוכטשעס יעדע רו פֿאַרשטיינען.

„ווילד" הייסט איצטער דער, וואָס קען ניט איבערטראָגן ווילדקייט.
נאָך ביז היינט געהערן אונדזערע פֿאַרוועלעכצן דעם דזשונגל,
און די אויפֿן שרײַ־יצר אַרויפֿגעצווונגענע קליין־שטעטלדיקע שטילקייט
אונדזערע נשמה־אויפֿבליצן פֿאַרטונקלט.

ווער איז ער, וואָס האָט די העזה פּסקענען: „משוגע!",
בעת אַליין ער איז געקרייציקט אויפֿן ווײ־און־פּחד־צלם?
ניט פֿאַראַן איז אויף דער וועלט נאָך אַזאַ פֿײַערדיקע תשוקה
ווי דאָס וועלן אַ צעיושעטער אַרויסגיין פֿון די כּלים...

יפֿו, יוני 1976

בײַ נאַכט אין קאָרנפֿעלד

גלעט אַ ווינט די זאַנגען קאָרן,
צינדט זיך שטערן נאָך אַ שטערן.
אָט אַזוי אויך מײַנע יאָרן
צווישן ווערן און ניט־ווערן.

גלעט אַ ווינט די זאַנגען קאָרן,
פֿאַלט אַ שטערן נאָך אַ שטערן.
וועלט — אַ רויז, און איך — אַ דאָרן,
פֿול מיט שטעכיקע באַגערן.

גלעט אַ ווינט די זאַנגען קאָרן,
לעשט זיך שטערן נאָך אַ שטערן.
פֿון ניט־זײַן בין איך געוואָרן
און פֿון זײַן וועל איך ניט ווערן.

קאָוונע, 1938

דושנער אָוונט

בלויע בומעראַנגעזן טראָגן זיך געצילט צו מיר
און פֿאַרקערעווען צוריק
נאָך דעם ווי זיי מייַן סאַמעטענע רו האָבן צעשטאָכן.
אַ נערוועזיש ווינטעלע וויל איבערצײַלן מײַנע האָר,
איז כּסדר טועה זיך און הייבט ווידער פֿון דאָס נײַ אָן.
אָוונט־פֿלאַטערלעך פֿאַרגינען זיך אַ קורצן פֿלי
און לאָזן פֿליגעלעך אַראָפּ פֿאַרשעמט,
למאַי זיי זײַנען ניט אַזוי ווי די בײַטאָגיקע קאָליריק.
לבֿנה מאַכט אַן אָנשטעל,
אַז איר נאַריש גלאָצן איז גאָר אָנשטעל...

צי דען דאַרף טאַקע די וועלט
דאָס עקלדיקע פּרײַכן פֿון די פֿרעש
און דאָס רישעותדיקע בילן פֿון די הינט?..

יפֿו, יולי 1977

בושלען פליִען

ווען ווען די זעלבע בושלען
אין אַ צווייטן גילגול פּליִען?
און צי וועלן זײַן זיי בושלען,
און צי וועלן זיי גאָר פּליִען?

און ווי וועט דער הימל אויסזען,
וועט ער גרויער זײַן צי בלויער?
און וואָס וועט דער מענטש זיך ווינטשן —
צײַטווײַליקייט אָדער דויער?

און וואָס וואַקסן וועט אויף פּעלדער —
צוקעררױר צי ביטערגראָזן?
און צי וועט מען קענען לעבן
ניט ווי וועלף און ניט ווי האָזן?

און צי... (ווידער „צי" און ווידער —
ס'נעמט קיין סוף ניט צו די „צי"ען!)
און די פּראַגעס קוואַלן, קוואַלן,
און די בושלען פּליִען, פּליִען...

יפו, יולי 1976

*

פֿליִען פֿייגל אום הקפֿות
(שוין דאָס זיבעטע מאָל זיבן).
בעלי־פֿליגל פֿילן שאַרפֿער
וואָס עס צײַטיקט אין דער לופֿט.

וואָלט דער לאָבוס ווינט ניט פֿײַפֿן
אַזוי תּקיפֿותדיק מאַזשאָריש,
וואָלט דאָס פֿידעלע ניט בליפּען
אַזוי אומערלעך פֿאַרזיסט,

וואָלטן אפֿשר גאָר די פֿייגל
נאָך געשלומערט אויף די צווײַגן
און זיי וואָלטן ניט הקפֿהט
אַזאַ וויסט קבלת־בייזס...

יפֿו, פֿעברואַר 1978

*

ווילן די טויבן ניט הערן די ראָבן
וואָס מיט פֿאַרלאָשענע לעבנס זיך לאָבן.

ווילן ניט הערן, און מוזן עס טאָן.

ווילן די ראָבן ניט הערן די טויבן
וואָס מיט אַ וואָרקען די פֿרידלעכקייט לויבן.

ווילן ניט הערן, און מוזן עס טאָן.

איינע ניט ווילן, די צווייטע ניט ווילן,
וואַקסן און וואַקסן די קעגן־געפֿילן,

קומט עס פֿאַרגלעטן דער נאַרישער האָן:
זאָגט זיי אַ פּונקט־אַזאַ נייַעם טאָג אָן...

ווילנע, יולי 1969

צוויי אַלבעס

די אַלבע האָט טאַקע קיין אויגן ניט.
זי קען ניט זען, זי אָבער שפּירט
(מיט יעדן צווייַגעלע זי שפּירט)
איר חברטע וואָס אינעם צווייטן עק פֿון הויף.
די זעלבע פֿייגל הוידען אום זיך אויף איר קרוין
און שלאָפֿן שפּעטער איַן אין יענערס צווייַגן.
דוכט, ביידע פֿון איין ביימער־מין,
מע שטייט בשכנות — אויף איין הויף,
ס׳האָט יעדערע די צווייטע ליב,
נאָר ס׳איז אַ ליבשאַפֿט וואָס איז קאַלט.

עס פֿעלט דער וואַלד!

ווילנע, יולי 1960

נדבֿה...

אויף אַ ראָג פֿון אַ קאָביקער גאַס
שטייט אַ בעטלער, ווי שטיין וואָלט אַ סנאָפּ
אַ פֿאַרהילטער אין ברודיקע שמאַטעס,
און ס'טוט קוים אַ צוק אים נאָך יעטווידן קלונג
אין צעבײַלטער פֿאַרזשאַווערטער פּושקע.

ווער ווייסט, צי ער אומגליקלעך איז,
ווי סע זעען אים די וואָס זיי וואַרפֿן די פּרוטות,
אָדער האָט ער אַן אוצר אין שטרויזאַק,
ווי ס'פּלוישן עס די וואָס באַריידן ?..

און אפֿשר גאָר איז ער אַ רמז ? —
אַן אָנווונק אויף יעדן, אויף יעדן
אָן חילוק צי ער איז אַ גבֿיר צי אַן אבֿיון.

יפֿו, יולי 1975

SIC TRANSIT...

אָפּט עס דאַכט זיך, אַז מען איז צופֿרידן,
און אין תּוך איז מען גאָר אָפּגעטעמפּט.
שווינדלען יאָרן טומלדיקע ווי ירידן,
וואָגלט מען פֿאַרלוירן אין דער פֿרעמד.

און צום סוף מע כאַפּט זיך, אַז מע האָט פֿאַרהוליעט
ס׳צאַרטע וויגליד וואָס האָט אונדז באַגלייט
זינט די מאַמע האָט אונדז אײַנגעליוליעט,
טראַכטנדיק אַז ליבשאַפֿט ק ע ג ן אַ ל ץ באַשטייט.

אין דײַן זיקנה־בעט קוקט דאָך אַרײַן די זעלביקע לבֿנה
וואָס געשמייכלט האָט אַ מאָל צו דיר אין וויג,
מיט אַ פּנים פֿון אַ געלער אַגעמאָנע
קלאָגסטו זיך אויף ווייטיק אין גענִיק...

יפֿו, יוני 1978

*

לאָז דעם אומעט פֿאַר דער ציַיט
ווען וועסט מיך פֿון פֿרייד זיַין,
לעב מיט אים ניט זיַיט ביַי זיַיט,
מיַיד זיַין פֿראָסטיק עצהן.

זע, אַ וואָלקנדל אַ וויַיס
האָט באַפֿלעקט דעם הימל.
איז עס גריַיז אָדער באַוויַיז,
צופֿאַל אָדער סימן?

ווער פֿונאַנדערקליַיבן זיך
קען אין פּלאָנטער שאלות?
בעסער שוין פֿאַרקליַיבן זיך
אינעם וואַלד פֿון וויַילעס,

אומשלעפּן זיך אין דער ציַיט
וואָס זי דאַרף נאָך קומען,
זיצן מיט דער וויַיטער וויַיט
ענג אַרומגענומען,

און דעם אומעט ווי אַ מוק
טריַיבן און פֿאַרטריַיבן.
טו זיך, פֿרייד, צו מיר אַ רוק,
לאָמיר פֿריַינד פֿאַרבליַיבן!

ווילנע, מיַי 1964

בין־השמשות

אין די צווישן־רגעס
פֿון ניט־טאָג, ניט־נאַכט,
ווען אויף שטאַרע שטרעקעס
שפּרייט זיך קליפּהס מאַכט,

ווערט דאָס האַרץ מבֿולבל,
טרוימווילן — פֿאַרשעמט.
טײַוולס קונקל־מונקל
ווי מיט צוואַנגען קלעמט...

נאַכט קען זײַן געפֿאַלן,
טאָג קען ציניש זײַן,
אָבער לינטשן שטראַלן,
קרייציקן די שײַן

קען נאָר דער וואָס גרויקייט
מאַכט אים פֿאַר אַ קאַט,
און מיט סתּם־אַזויקייט
הייליקט ער פֿאַרראַט.

יפֿו, סעפּטעמבער 1977

נאָך דער שקיעה

נעם דעם גרויען אומעט
וואָס פֿאַרציט די שויבן
ווען די שקיעה־רויטקייט
טוט פֿון זיי זיך אָפּ,

פֿאַס אים אין אַ ראַם איין,
זאָרגעוודיק פֿאַרוויקל,
קער אים אום — אַן אויסגאַב
פֿון דער זונענגאָב.

זאָל מען זען און וויסן
אַז ביסט ניט קיין זשעבראַק
וואָס פֿאַר אַ נדבֿה
אויף די קניִעס קריכט.

האָסט באַקומען אָנצונד
און קערסט אום דעם אויסלעש —
די מטבע זעלבע
אין אַן אַנדער ליכט.

ס'איז די וועלט פֿאַרפֿינצטערט,
אָבער דאָס באַטײַט ניט
אַז אין דער נשמה
איז ניטאָ קיין שײַן.

ס'איז די גרעסטע מיצווה
חושך צו צעשפּאַלטן.
זעץ אַ מעסער העלקייט
אין נאַכטס האַרץ אַרײַן!

ווילנע, מאַרץ 1971

*

טאָג וואָס עקסט זיך — וואָר און משל,
קלעם זיך ניט, וואָס גייסט אַוועק.
ווערסט ניט פֿאַר דער צײַט פֿאַרלאָשן —
האָסט דערגרייכט באַשערטן ברעג.

ס׳איז ניט צופֿאַל, וואָס די שקיעה
רויט פֿון צאָרענען גייט אויס,
און די שעה פֿונעם פֿאַרגלײַען
סאַמע מונטערסטע זעט אויס.

אָ ווי ס׳איז אַליין זיך סותר
אַלץ וואָס קײַומט אויף דער ערד.
עמעץ איז אָן אײַנזען גוזר
און צווינגט זאָגן: „ס׳איז באַשערט״,

דאָך מע מוז עס איבערטראָגן
(ס׳איז דאָס מאָזלען פֿונעם זײַן),
און כּדי ס׳זאָל מאָרגן טאָגן,
מוז הײַנט לעשן זיך די שײַן.

ווילנע, נאָוועמבער 1958

*

ווי סע זאָל ניט זײַן אויף דער נשמה דיר,
ווי סע זאָל דעם האַרץ דײַנעם זײַן פֿרעמד דאָס בענקען,
זאָלסטו דאָס, וואָס רישעות האָט פֿאַרטמאַט דיר,
אין זײַן ערשטער זויבערקייט געדענקען.

ס'איז די אויסגערימטע וועלט באָדײַ אַ פּסולע —
ניצוץ־אלוהים אַרומגעעיגולט איז מיט סיטרא־אַחרא.
אין דער העלסטער פֿרייד זיך טונקלט אַ פֿאַרדראָסעלע,
און דאָס אומצופֿרידן זײַן איז קלעפּעדיקסטע מחלה...

אַלצדינג דאַרפֿן מיר, ווי זײַן מיר וואָלטן אייביקע,
אונדזער האַנט די גײַציקע צו כאַפּן אויסגעשטרעקט איז.
ווײ, מיר זײַנען וויסטע אָבערגלייביקע
פֿון פֿאַרנאַרישטע פֿאַרטעמפּנדיקע סעקטעס...

זוכן מיר און זוכן מיר דעם גאָט פֿאַרהוילענעם,
וואָס ער האָט אונדז אײַנגערעדט, ער אומעטום פֿאַראַן איז,
און מיר, וועלט־חכמים — גדלותדיקע גולמים,
שטייען אויס דערפֿון טיראַנישסטע שיקאַנעס.

יפֿו, יאַנואַר 1979

*

קלאָגט זיך רויער אָסיענווינט
פֿאַר דער מאַמע־נאַכט:
„ס׳האָט דער לעצטער שלאָפֿלאָזער
אויגן צוגעמאַכט.

קיינער, קיינער הערט מיך ניט,
איבעריק איך בין,
כאָטש איך וויין היינט אַזוי צאַרט,
האַרצדרילנדיק דין״.

טוט נערוועזש זיך אַ וואָרף
אָסיענדיקע נאַכט:
„האָסט, מיין זונעלע, אַליין
זיך צום נאַר געמאַכט.

אויסגעפֿלויגן ביסט אַ וועלט;
צייט שוין צו פֿאַרשטיין
אַז ווו האַרץ איז פֿול מיט נאַכט,
קימערט ניט געוויין״.

ווילנע, נאָוועמבער 1970

אַן עקסצענטריש ווינטערליד

און אויב עס איז אַלץ נאָר אַ חלום,
איז דעמאָלט דער חלום דאָך וואָר.

טאַנצט, שנייעלעך! טאַנצט אײַער פֿאַלטאַנץ...

און אויב ס'איז די פּײַן נאָר אַ טעות,
קומט אויס, מע קאָן מײַדן די פּײַן.

די טרייסט איז אַ נאַרישע מומע...

פֿאַר וועמען? ווי לאַנג? און צי לוינט עס? —
דרײַ בײַטשן פֿאַר אַלט און פֿאַר יונג.

דער קנוט איז ניט בעסער פֿון מעסער...

אויב אמת און שקר זיך האַסן,
איז האַס דאָך אַ הייליק געפֿיל.

אַ קראַ טראָגט זיך אום איבער שנייען...

דער כאַאָס געבוירן די ערד האָט,
די ערד האָט געבוירן דעם מענטש.

עס דריקט די ירושה פֿון זיידן...

און אויב עס איז אַלץ נאָר אַ חלום,
איז חלום דערהויבענע וואָר!

אַ שנייפֿעלד, אַ קראָ און אַ שנייִ פֿאַלט...

ווילנע, יאַנואַר 1963

דער שפּיגל

אין ענגן עיגול פֿון דער בלאַנקער ראַם
דו ליגסט אַרײַנגעפּרעסט — אַ גליװערדיקער סתּם...
אַ גלײַכגילטיקער סתּם אָן לײַדנשאַפֿט און אָן אַ װילן,
װאָס האָט קײן בענקשאַפֿט ניט און קײן באַגערן ניט צו שטילן,
האָט קײן מאָל ניט געהאַט קײן פֿאַרב, קײן אויסזען
און חזרט איבער אַלץ װאָס קומט פֿון דרױסן,
אַזױ זיך — סתּם!...

„װײַזסט אַ פּנים? נאַ אַ פּנים!
װײַזסט אַ קאַם? באַקום אַ קאַם!
ס'איז גאָרנישט ניט פֿאַראַן און אַלץ קאָן זײַן,
װײַל אַלץ איז אויסדרוקטעניש — פֿאַלשע שײַן,
ס'בלײַבט גרױער סתּם אַפֿילו די קאָלירטסטע װאָר"...

פֿיל איך זיך נאַריש
בעת איך קוק אַרײַן אין דיר אויף צו פֿאַרקעמען מײַנע האָר,
נאָר מער נאָך נאַריש
(אַזש צוריקגעשלײַדערט צום שימפּאַנזע־שטאַם!)
איך בין װען ס תּ ם איך קוק אַרײַן אין סתּם...

אַלמאַ־אַטאַ, זומער 1942

*

איז דער אויסגעשטאָפּטער אָדלער,
אויף דער שאַנק וואָס שטייט, אַן אָדלער?
איז אַ מעבטיקייט די מעבטיקייט פֿון עבֿר?
אויגן שטאַרן, דאַכט זיך, מיטן זעלבן בלוטדאָרשט,
שנאָבלהאָק נאָך סטראַשעט מיט דער זעלבער האַרטער שאַרפֿקייט;
אַלץ וואָס מע פֿלעגט זען, זעט אויס אַזוי ווי פֿריִער,
נאָר דאָס אומגעזעענע אין אים
אין גאַנצן אַנדערש איצט מע זעט ניט...

טאָג ווי נאַכט ער שטייט באַהאָפֿטן
צו אַ נעבעכדיקן פּיצל קלעצל —
ווייכקייט הילצערנע,
אַנשטאָט דער פֿעלדזיקייט פֿון שטיינבערג.
אויסגעשפּרייט די פֿליגל,
און עס קומט ניט צו אַ פֿאָכען;
שאַרף די נעגל,
דאָך זיי ווייסן מער ניט ווי צו שטעכן,
אויפֿן רוקן קלײַבט זיך שטויב — —
— — — — — — — — —

אויפֿן רוקן פֿון אַן אָדלער שטויב?!
און אַנטקעגן — אין אַ דראָטן שטײַגל,
אינעם שטראָם דעם גילדענעם,
וואָס זון גיסט דורכן פֿענצטער,
פּליעסקעט זיך צופֿרידן אַ קאַנאַריק.
אַ געפֿאַנגענער, אַ נישטיקער — און צוויטשערט...

ווילנע, מאַרץ 1959

דער בעל־חרטה

שפּליטער פֿון מײַן לעבן — אומגערעכטע שעה,
פּונקט ווי אויפֿן ציפֿערבלאַט, דו ביסט אין ערגעץ מער ניטאָ!
ווי אַ שאָטן פֿון אַ וואָלקן אויף אַ פֿעלד,
ביסט אַריבער, זיך ניט אָפּגעשטעלט...

וואָלסטו כאָטש ניט איבערלאָזנדיק קיין סליאַד פֿאַרבײַ,
וואָלט איך כאָטש געווען פֿון מוזן דיך געדענקען פֿרײַ;
ליגסטו אָבער, אומדערבאַרעמדיקער גרײַז,
ווי אַ שוואַרצע לאַטע אויף אַ בגד וואָס איז ווײַס.

איך זאָל זײַן אַזוינס באַגאַנגען? כ׳קען זיך ניט פֿאַרשטיין!
וואָס מער כ׳טראַכט דערפֿון, אַלץ מער מיך מאַטערט עס.
ווי זאָל איך אויך ווײַטער צו מײַן טרוימען־יום־טוב גיין
אין אַ בגד וואָס פֿאַרלאַטעט איז?..

ווילנע, נאָוועמבער 1958

דאָס ליד פון די אָפּגעגאַרטע

ווײַסע פֿליגל מוזן ניט זײַן דווקא פֿון מלאכים,
ווײַסע פֿליגל קענען זײַן סמאָלס נאַרערײַ.
דורכגעלעבט מיר האָבן שוין אַזוי פֿיל בראָכן,
אַז מיר קענען ניט פֿון חושד זײַן פֿרײַ.

ס'לעבט דער ספֿק מיטן חוצפּה־אָנשטעל: ער איז אייביק,
און ער באַלעבאַטעוועט אין אונדזער שווער געמיט.
אַפּיקורסים זײַנען אפֿשר נאָך עקשנותדיקער גלייביק,
שטרויכלדיק זײַנען די צו־זיכערע טריט.

פֿאַלשע ווײַסע פֿליגל זײַנען פֿינצטערער פֿון שוואַרצע.
זייער קנאַקן ערגער איז פֿון אַ סאַטיר־טלאָען־גאַלאָפּ.
ענג איז דער נשמה אונדזערער ווי אין אַ קאַרצער,
ווערט זי די נשמה פֿון אַ מיזאַנטראָפּ.

יפֿו, יולי 1978

דער פֿאַרצאָגטער

פֿאַר וואָס גייט מיר נאָך אַלץ אַ פֿראַגע
און עקבערט פּסדר מײַן מוט?
פֿאַרלוירן כ'האָב מײַן עולם־הבא
אין שטראָם פֿון מײַן אומרויִק בלוט.

געלעסטערט כ'האָב מײַן עולם־הזה,
דערזען אים ווי פּסול און טרייף;
פֿאַרוואָרפֿן איך האָב אויף מײַן עזות
מיט הענקער־געניטשאַפֿט אַ שלייף.

ירושה, טראַדיציע און הרגל
מיך דריקן ווי לאַפּעס פֿון בלײַ,
דאָך גרוילִיקער נאָך איז דאָס ווערגן
פֿון ספֿק: „צי איז עס כּדאַי?"...

ווילנע, אַפּריל 1971

דער אַפּיקורס

געטער האָבן ניט קיין בושה.
געטער קענען אָפּטאָן עוולות
און פֿאַר דעם נאָך הייסן דאַנקען.
גרויסקייט גרייסט זיך מיט קאַפּריז.

אָפּט עס פֿאָכען שפּאַרבער־פֿליגל,
פֿון פֿאַרצוק־תּאווה געטראָגן,
אונדז זשע דאַכט זיך אַז מלאכים
שוועבן הייליק דורך דער לופֿט...

און דער אַשמדאַי כיכיקעט,
מיט די ציגנטלאָען קאָפּעט —
רייַסט און דראַפּעט מיט די נעגל
ווי דער הונט אין טראַנס פֿון פֿרייד.

אָ, די גרויסקייט, איר הנאה
איז דערנידעריקן שוואַכע
און מזלזל זייַן מאמינים.
גאָט איז ניט פֿאַרליבט אין מענטש!

יפֿו, יולי 1976

צום רשע

איין מאָס רייד און נײַן מאָס שווײַגן,
איין מאָס אמת, נײַן מאָס לײַגן...

און פֿאַר דעם דאַרפֿסטו אַ צונג?

טראַכטן בייזוויליק, שטאָט דענקען,
צוטראַכטן, ס'זאָל יענעם קרענקען...

און פֿאַר דעם דאַרפֿסטו אַ מאַרך?

נאָר אַליין פֿון אַלץ געניסן,
קיין מאָל מיטגעפֿיל ניט וויסן...

און פֿאַר דעם דאַרפֿסטו אַ האַרץ?

רשע, רשע דו, מרושע,
שוואַרץ דײַן מי־צײַט, טרייף דײַן רו־שעה,

דו וועסט אויסגיין, אויפֿגיין וועט דער מענטש.

ווילנע, מאַרץ 1970

דעם עוכר־ישׂראל

צו די ווינקעלער פֿון דײַן נשמה
גרייכט ניט דער ווינט וואָס דערפֿרישט.
האָסטו פֿרעמדע טרערן זיך געווישט,
ברודערהאַס מיט בגידה דורכגעמישט
און האָסט אָנגעשטאָפּט דערמיט דײַן טבוירישע נשמה.

אין אַ ווינקעלע פֿון דײַן נשמה,
וואָס דערווידער איז איר גאַסטפֿרײַנדלער צו זײַן,
אַ דערמאָנונג איז אַרײַן
(ס׳האָט איר אויסצומײַדן די פֿאַרגעסונג אָפּגעגליקט),
האָט דײַן האַס אַ כאַפּ געטאָן זי און דערשטיקט.
ס׳איז דעם האַס דאָס פֿאַרגעדענקען טמא שבטמא...

אין די צו פֿיל ווינקעלער פֿון דײַן פֿאַרדומפּענער נשמה —
טוכלע ווינקעלער ווו היימיש ס׳איז דער גרײַז,
ווו דער יושר איז צעגריזשעט ווי פֿון מײַז —
גלאָצט דײַן רישעות רויטע אויגן — בלינדע פֿון טראַכאָמע.

ווייעט וועלטס געוויסן, ווי סע ווייען הינט
בעת אַ דאָרפֿישער לוויה פֿון אַ קינד...

יפֿו, דעצעמבער 1978

פּאַראַל

שטעלן אַפּ זיך אומבאַקאַנטע מענער צוויי
פֿרעמד אַקעגן פֿרעמד.
און די נאַכט איז פֿינצטער,
און מע זעט ניט וואָס עס טוט זיך —
פֿרעמד אַקעגן פֿרעמד...

אויבן בלינצלען שטערן,
אונטן מורמלען ליפּן...
און די מענער זיך צעשיידן,
און זיי גייען זיך פֿונאַנדער
מיט אַ שותּפֿותדיקן גליִענדיקן סוד.

פֿרעמד געפּלעפּט פֿון פֿרעמד,
פֿרעמד פֿאַרקנסט מיט פֿרעמד —
אייגן, אייגן, אייגן...

ווילנע, מײַ 1968

וועגליד

ווען דו צייִלסט די טריט פֿון אַ לאַנגן וועג,
מיינסטו דאָך ניט אַז פֿון דעם דער וועג ווערט קלענער.
ניט דעם וועג פֿאַרקירצסט, דייַן געדולד ציסט אויס,
דעם מהלך דורכמאַכן זאָלסט קענען.

איז דען שייך זאָגן: „אָ, דער וועג איז לאַנג״,
אויב די מאָס פֿאַר לענג קען די לענג ניט מעסטן?
גיי איך מיר אין וועג, ווער ניט מיד פֿון גאַנג
כּל־זמן ס׳איז דאָס וואָגלען מיר נאָך ניט דערעסן...

לאַנגער לאַנגער וועג וואָס ביסט מיר באַליבט,
דורכגיין כ׳וואָלט אויף דיר הונדערט האָריזאָנטן!
ניט־געגאַרטער שטעג פֿון קוים הונדערט שריט,
אומווילן טוט בלייַ אויף די פֿיס מיר אָנטאָן!..

ווילנע, מאַרץ 1959

טראָטואַר

טראָטואַר, טראָטואַר, —
זעלבער וועג צו פֿרייד און צער,
גרויִ פֿאַרגלײַכגילטיקט געמיט,
שטופּסט אָפּ קאַלט די הייסטע טריט...

טראָטואַר, טראָטואַר, —
אייגן, פֿרעמד און גלאַט, און שטאַר,
אויף דײַן האַרטקייט וויל זיך שפּאַנט,
טראָט האָט פֿײַנט דעם זונק אין זאַמד.

טראָטואַר, טראָטואַר, —
מײַנע טעג אויף דיר כ׳פֿאַרשאַר.

ווילנע, דעצעמבער 1962

דער מטורף

אָ, ווי ענג ס'איז פֿרײַהייט
און געררוים ס'איז ווייטיק;
הינטער קירצסטער שׂימחה:
צער — אַ לאַנגע שלעפּ.
ס'איז אַ שפּיל אַ בייזע
פֿון „אַט פֿול, אַט ליידיק";
כ'דראַפּע זיך אויף לייטערס,
און איך פֿאַל פֿון טרעפּ...

כ'האָב מײַן גליק געפֿאַנגען
ווי מע פֿאַקט אַ פֿויגל.
נאָר ווען כ'האַלט אין האַנט אים,
ניט ער פֿליט, ניט זינגט.
צי כ'האַלט אָפֿן אויגן,
צי כ'פֿאַרמאַך די אויגן,
זע איך: מע באַקוקט מיך,
ווייס איך אַז מע ווינקט...

ס'איז פֿאַר זיי אַ וווּנדער,
וואָס איך לאַך פֿאַר אומעט,
וואָס מײַן יעדער אָבֿר
וועגט זיך מיט געפֿיל...
כ'האָב אַ מאָל געחלומט
נאָר אין שלאָף און שלומער,

איצט זע איך חלומות
ווען און וואָס איך וויל.

ס'איז געוויס צום גוטן,
כאָטש ס'גייט אויס צום שלעכטן.
שלעכטס און גוטס — די זעלבע
פּײַניק־שטריק פֿאַר מיר.
וועל איך זיי אַ כאַפּ טאָן
און צוזאַמענפֿלעכטן,
און אַ שלאַנג באַשאַפֿן,
וואַרפֿן פֿאַר מײַן טיר;

זאָל זי וואַכן, היטן,
אין די פּיאַטעס בײַסן,
קיין מאָל זאָל ניט פֿעלן
אין איר צאָן קיין גיפֿט.
כ'וועל דער וועלט געזעצטער
עפּעס נאָך באַווײַזן:
זי בײַ מיר וועט זען ווי
פֿרייד מיט הפֿקר שטיפֿט!..

כ'האַלט מײַן גליק געפֿאַנגען —
אַ פֿאַרשמאַכטן פֿויגל.
ניט ער פּיקט קיין קערנער,
ניט ער פֿליט, ניט זינגט.
אויגן, אויגן, אויגן...
אומעטום — נאָר אויגן.

איטלעך אויג באַקוקט מיך,
חוזקנדיק ווינקט.

אָ, ווי אַלע האַסן
אויפֿריכטיקע פֿריידן!
ניט געצוימטע מעשׂים
וויל מען ניט פֿאַרשטיין.
שלאָגט מען מיך, וואָס כ׳קען ניט,
כ׳קען ניט אונטערשיידן
ווו עס טויג געלעכטער,
ווו סע פּאַסט געוויין...

ווילנע, מאַרץ 1959

איך זוך אַלץ אום מײַן טײַערן...

(פֿאָלקס־נוסח)

איך זוך אַלץ אום מײַן טײַערן
און קאָן אים ניט געפֿינען.
עס לעשן זיך די פֿײַערן,
די גלוסטונגען צערינען;

און אַלע מײַנע חברטעס
זיי האָבן יאָ געפֿונען.
מײַן האַרץ אַזוי באַוועלט איז,
כאָטש נעם און שפּרינג אין ברונעם...

כ'האָב אויסגעגנייט אַ העמד פֿאַר אים,
געהאָפֿט: כ'וועל אים געפֿינען;
וווּ זוכט מען אים? וווּ נעמט מען אים?
איך גיי אַראָפּ פֿון זינען!

אַ־וויי צו מײַנע יאָרן איז,
צום קאָפּ וואָס ווערט אַלץ גרויער,
אַז לעבן מוז מען פּאַרנווײַז,
און מײַן פּאָר איז דער טרויער!

ווילנע, אַפּריל 1946

גאָט פֿון װעלף און גאָט פֿון שאָף

*

אָ ווי שווער ס'איז צו פֿאַרשטיין,
גאָט, וואָס האָסטו פֿאַר אַ מיין
מיט דײַן שטענדיקן פֿאַרקוקן
דעם חד־גדיא פֿון פֿאַרצוקן.

און נאָך מער, נאָך מער ווערט שווער
ווען מען כמאַרנע טוט אַ קלער,
אַז דו — קעגן אַלע לאַוון —
האָסט דײַן וועלט אַזאַ באַשאַפֿן!

גאָט פֿון וועלף און גאָט פֿון שאָף,
זאָגסט אויך איצטער נאָך „כי טוב״?

יפֿו, יולי 1976

בין אָדם ליוצרו

גאָט מײַנער, פֿאַר וואָס האָסטו ניט באַשאַפֿן מיר,
מיר זאָלן ריידן דאָס זעלבע לשון?
איך זאָג: „אחד״,
און דו זאָגסט: „ביסט איינער פֿון אַ סך״
(און נאָך פֿון אַזעלכע
וואָס טוען כּסדר ווי ס'איז ניט רעכט).

גאָט מײַנער, מיר זײַנען כּלאַיִם,
און דו האָסט דאָך כּלאַיִם געאַסרט...

יפֿו, יולי 1978

*

ווײ, די שאָטנס יאָגן נאָך די שײַן,
און די שײַן באַוווײַזט קוים צו אַנטלויפֿן.
טרינק זשע, צדיק, אויס אויך דו אַ בוטל ווײַן,
זאָל דער רשע האָבן ווייניקער צו זויפֿן...

אין דער וועלט, ווו אויף דער העלער זון
לאָקערן כּסדר ליקוי־חמהס,
איז דער בעל־געוויסן אַ בעל־מום,
און געשפּאָט ווערט פֿון דער גינציקייט פֿון מאַמעס.

יפֿו, פֿעברואַר 1976

צו דער נאַכט

מײַן ניט, נאַכט, דו הערשעווען וועסט אייביק.
שטערן זײַנען עדות: העל וועט זײַן!
כּאָטש די שײַן איז איצט אויף אַרבעסלעך צעטרייבערט,
וועט נאָך אויפֿגיין זריחה־שײַן.

ניין, עס איז די זון ניט אויסגעלאָשן,
זי בלויז אַנדערש ווו איצט ליכט פֿאַרשפּרייט.
פֿינצטערניש איז מער ניט ווי אַ משל,
הערסט? אַ האָן שוין קרייט!

ווילנע, מאַרץ 1960

*

ווען עס פֿול ווערט דאָס האַרץ מיט פֿאַרנאַכט,
גרויער טריוואַקס פֿאַרחתמעט דעם דמיון,
סאַמע לעצטער באַגער ליגט פֿאַרשלאָפֿט
און פֿאַרלאַנג איז שוין מער ניט דײַן קנין,

שלאָג על־חטא זיך: „אָ ווײ, כ׳האָב פֿאַרזען,
וואָס איך האָב ניט געכאַפּט זיך צו טראַכטן
אַז ווי באַלד איך בין גליקלעך געווען,
כ׳בין געניגט שוין צו ווערן אַ פחדן״.

יפֿו, אַפּריל 1977

*

זוכסט פֿאַר דײַנע זינד אַ תּירוץ.
גאָט ווייסט, צי ער איז פֿאַראַן?!
מעגלעך גאָר, ער ליגט — אַ שרץ —
אין דער מים־טהורים־קאַן...

זאָגסט, וועסט זויבערן די טומאה?
וועסט נאָר מאַכן זיך צו שפּאָט,
ווען דײַן טרוים ליגט אין אַ טרונע,
און דײַן גאָט איז שיכּור לוט.

ווילנע, מײַ 1971

*

פֿייגל פֿרײַע קוקן ביטולדיק אויף שטײַגן,
זעען ווי לאַ־יוצלחדיקע די וואָס זײַנען דאָרט פֿאַרשפּאַרט.
פֿייגל פֿרײַע הוידען זיך צופֿרידן אויף די צווײַגן:
„מיר האָבן די נאַרנדיקסטע פּאַסטקעס אָפּגענאַרט",
און — ווי אַלע גליקלעכע — זיי ווילן ניט באַנעמען
אַז דאָס רישעות האָט זיי צופֿעליק געשווינט,
אַז מען יעדערן קען אין אַ שטײַג פֿאַרקלעמען
און אַז פֿרײַהייט עפּעטערס אין געפֿענקענישן ווױנט.

פֿייגל פֿרײַע זײַנען אײַנגעגלייבט אין זיך,
פֿייגל פֿרײַע זײַנען מזלדיק און זינדיק...

ווילנע, מאַרץ 1968

דיספּוט

— טויזנט יאָבן אויף איין לעבן!.. איז עס ניט צו פֿיל?
— ווער האָט דיר דאָס רעכט געגעבן טראַכטן, ס'איז אַ שפּיל?
— כ'טאָר ניט וועלן, ס'זאָל אַ שפּיל זײַן. ס'איז דאָך אָבער פּײַן!
— מוזסט פֿאַרטראָגן אויך דעם שאָטן, אויב האָסט ליב די שײַן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'האָט אַ מאָל די זון געדרייט זיך. איצט דרייט זיך די ערד;
עלטסטער מענטשלעכער וויכוח מענטשלעכקייט פֿאַרמערט...

ווילנע, מאַרץ 1958

*

עס האָבן זיך קראָען פֿאַרמאָסטן
אין שעלטן און זאָגן דאָס שוואַרצסטע נבֿיאות.
האָב איך עס דערהערט, בין דערציטערט געוואָרן:
ווי שטאַרק זייער קראַקען דערמאָנט די געשרייען
פֿון רוצחים קאָנוואיען
וואָס טרײַבן מיט וואָלפֿהינט
אַ מענטשן־טראַנספּאָרט.

וויי צו מײַן אויער
און וויי צו מײַן דור!..

יפֿו, אויגוסט 1977

נאָכן דונער...

נאָכן דונער האָט גענומען שמעקן מיט אָזאָן,
דאָך אַ בוים געבליבן שטיין איז דורכגעלעכערט,
און דער אָנגעדרודלטער בעל־גאווה, גאַלאַגאַנסקער האָן,
האָט געטראָגן זיך: די פֿליגל יום־טובדיק צעפֿעכערט.

שטיי איך אַ פּריטשמעליעטער פֿון אָט די פּשוטע עולם־התוהו־סתירות,
עלעהיי אַ בעל־מקובל האָט דערזען די עשׂר ספֿירות...

יפֿו, יולי 1977

פשוט...

ווען צעשאָטן ליגן אַלע שנורן פֿינקלקרעלן —
הייסט עס: נאַכט.

און ווען גאָרנישט איז פֿאַראַן, אַחוץ איין פֿײַערדיקן טעלער,
הייסט עס: טאָג.

ווי האָב איך עס צו אַזאַ פֿלאַך פשטות
זיך דערטראַכט?

זעט אַקאָרשט, צי כ׳שטיי ניט מיטן קאָפּ אַראָפּ גאָר,
ווי אַ יאָג...

ווילנע, יאַנואַר 1968

אָנהייב

כ׳ווייס שוין לאַנג אַז ניט דער וואַלד לויפֿט,
נאָר דער צוג טראָגט זיך פֿאַרויס,
דאָך אויך איצט, ווען מיט דער באַן כ׳פֿאָר,
דורכן פֿענצטער כ׳קוק אַרויס,
זע איך אַז דיביימער יאָגן,
גלײַך ווי דעמאָלט — ס׳ערשטע מאָל...

פונקט אַזוי, ווען עס נעמט טאָגן,
הייב איך אַלץ פֿון אָנהייב אָן.

ווילנע, סעפטעמבער 1962

דעם שוואַכוויליקן

אַ געבוירענער צו הערשן אויף דער ערד,
דרייסטו אום אויף איר זיך אַ באַהערשטער.
ווייס: צו זײַן דער לעצטער וועט דיר זײַן באַשערט,
אויב דו פֿלײַסט זיך ניט צו זײַן דער ערשטער.

פֿליגל האָבן דעמאָלט נאָר אַ ווערט,
ווען זיי זײַנען ניט צונויפֿגעלייגטע.
ס'פֿעלט דיר מוט צו פֿליִען? טאָפּטשע אויף דער ערד
אויף די וועגן פֿון דײַן האַרבסטיקייט צעווייקטע.

ווילנע, פֿעברואַר 1964

*

מענטש וואָס אָן מוט — אינעם אומעט פֿאַרזײַערט, —
נעסט ווו דער יִאוש זײַן אַש־יום־טוב פֿײַערט,
ווערג ניט מיט גרויקייט די גילדענע שעהען,
וויל ניט פֿאַרניינען, וואָס ס'לאָזט זיך באַיאָען!

דרייט זיך אָן עמוד־האש — דער באַגינען,
קען ניט אויף א י י ן אָרט אָן אָרט זיך געפֿינען.
יאָג זיך נאָך אים! נאָכן טאָג זיך צו יאָגן
ווערדיקער איז ווי די נאַכט צו באַקלאָגן.

ווילנע, אָקטאָבער 1966

דער ציניקער

אויב דו מיינסט, אַז איך פֿאַרשטיי ניט,
ווען איך מאַך זיך, איך פֿאַרשטיי ניט,

אויב דו טראַכסט, אַז איך באַמערק ניט,
ווען דיר דאַכט זיך, איך באַמערק ניט,

קענסטו אַלץ נאָך ניט דאָס לעבן.
האָסט געהאַט אַ שלעכטן רבין...

גיי, שלימזל, צו דער קרא
לערנען „קמץ־אַלף — אָ".

ווילנע, יוני 1969

צום אַמאָליקן לעסטערער

ווײַל אַ מאָל האָסט זיך פֿאַרגונען
פֿריער אַרײַנשפּײַען אין ברונעם,
האָסטו דאָך דערמיט געאַסרט,
מע זאָל טרינקען פֿון זײַן וואַסער.

איז עס איצט אין דיר זיך נוקם:
פֿון דײַן קלאָגן זיך און אויקען
ווערט נאָך טרוקענער דײַן גומען...
מוקצה־מוחרם שטייט דער ברונעם,
און אויף דײַנע ליפּן, שפּײַער, —
פֿונעם דאָרשט דאָס זאַלץ און פֿײַער.

ווילנע, פֿעברואַר 1971

מענטש און שטילקייט

ס'איז טרוימיש־רויִק אַלץ אַרום.
סע שניַידט זיך דורך אַ בינס געזשום
און ווידער! — ווידער ווערט אַלץ שטום...

זיד אויף, מיַין האַרץ, און זיך צעשריַי:
„אין שטילקייט שטעקט געגנאַרעריַי,
דער פּולס דעם דונער איז געטריַי!"

ווילנע, יוני 1967

וואָלקנס

פֿאַר וואָס, מענטש, פֿאַלט ניט איַין דיר אַז די וואָלקנס וויינען,
אַז ס'טוט זיי ווי דאָס שטענדיק מוזן וואַגלען,
און מחמת גרימעניש זיי פֿליַיסן זיך פֿאַרשטיינען
מיטן געשליַידער פֿון צערוגזהוועטע האָגלען?

ווי האָסטו, מענטש, דעם וואָלקנס ווייטיק ניט פֿאַרשטאַנען?
אַז ביסט אַליין דאָך אויך געגליכן צו דעם וואָלקן:
אויך דיַינע טרערן פֿאַלן אָפֿט אין קראַטערס פֿון ווולקאַנען,
אויך דיר קומט אויס דער אומבאַשטענדיקייט פֿון ווינט צו פֿאָלגן...

ווילנע, אַפּריל 1966

*

מחמת וואַסערס גיסיקייט,
גאַנצקייט און צעריסנקייט,
קומט אַרויס אַז ס׳איז אַלץ איינס —
גרויסער ים און טראָפּל קליינס.

וויי, ווי ס׳טוט דאָס האַרץ פֿאַרקלעמען
ווען כ׳הייב פּלוצעם אָן באַנעמען
אַז אין דעם שטעקט דאָך דער רעיון:
ס׳גאַנצע לעבן — הרף־עין!

ווילנע, מאַרץ 1957

ביי אַן אַלטער בריק

אויבן — נאָך די זעלבע בריק
וואָס מיט זעכציק יאָר צוריק;
און דאָס וואַסער אונטן פֿליסט
שטענדיק שטענדיק — אומבאַשטענדיק.

מעגלעך, ווייל עס איז דער שטראָם
אַ געיאָג איבער אַ תּהום,
איז ער אומהיימלעך און וויסט;
ווי זיין אָנהייב, גרוי זיין ענד איז...

ווילנע, פֿעברואַר 1964

*

צי איז דעם וועוריקל
וואָס אַקראָבאַטעוועט אויף צווייַגן פֿון דער סאָסנע
באמת אַזוי פֿריילער,
אָדער דאָס יאָגט דעם אום אַזוי
די טבֿע פֿונעם וועוריקישן מין?

דעם ענטפֿער לייען איך
אינעם ירושהדיקן אומעט־בליאָסק
פֿון דייַנע ייִדן־אויגן...

יפֿו, יוני 1978

מייַ

ווי שיין איז הייַנט די וועלט.
ווי מאָדנע אַלץ געפֿעלט.
דאָס האַרץ, צעשטיפֿט — אַ לאָשעקל
וואָס שפּרינגט, דעם פֿרילינג בריקעט...

און אויפֿן קוסט דער בעז
ווינקט שעלמיש: „ניט פֿאַרגעס
אַז סאָלאָוויי זינגט שיין,
גראָד ווייַל ער זיך פֿאַרהיקעט״...

ווילנע, מייַ 1969

אפֿשר...

אפֿשר איז מײַן אומעט גאָר ניט שלעכט,
אפֿשר איז מײַן אומעט גאָר גערעכט,
און כ׳באַוועל אים, וואָס איך אים טרײַב,
בעת איך מעשׂה בעטלער פֿרייד־נדבֿות קלײַב?

אפֿשר איז דער אומעט גאָר ניט אַזאַ גזר,
אפֿשר איז ער גאָר ניט אויסן ברענגען צער,
און ער אויף זײַן שליחות נאָר באַשטייט:
אויפֿדעקן די צײַטווײַליקייט פֿון דער פֿרייד?

ווילנע, סעפּטעמבער 1970

*

פֿאַראַן, וואָס קוקן שטענדיק אויף צוריק,
ווי זוכן וואָלטן זיי דעם טאָג ווען זיי זײַנען געבוירן.
פֿאַראַן אָבער, וואָס האַלטן ניט פֿון נעכטיק און פֿון הײַנטיק גליק;
אַזעלכע ווענלן נאָר אַ מאָל אַליין אַ טאָג געבוירן!

ווילנע, יאַנואַר 1957

ווי?...

טראַגסט זיך מיט דײַן טעות אום,
ווי אַן אבֿן־טובֿ ער זײַן וואָלט.
קוקסט מיט ביטול אויף דער זון,
גלײַך פֿאַרפֿינצטערן איר שײַן וואָלט...

ווי קען מען עס אַזוי שטאַרק
אײַנגעליבט זײַן אין אַ פֿעלער,
האַלטן נאָר פֿון טענדלמאַרק
און נשמהס קעלער?..

ווילנע, יאַנואַר 1971

שפּיל איך זיך...

שפּיל איך זיך און שפּיגל זיך אין שפּיל,
כאָטש איך ווייס, עס איז אַ ווויליונגיש זיך קרימען.
און דערפֿאַר ניט זעלטן טאַקע איך באַקום
פֿונעם רבין — גורל — מיטן רימען.

גוואַלד, דאָס שמײַסן איז דאָך לאַנג שוין אָפּגעשאַפֿט,
אין דער הײַנטצײַטיקער לער דורכויס פֿאַרבאָטן.
ווי זשע קומט עס, אַז ער איז נאָך ביז אַצינד
פֿון דער שיטה דער פֿאַרעלטערטער ניט אָפּגעטראָטן?

וויי, ס'איז לויט די כּללים פֿון דער שפּיל!

ווילנע, יולי 1971

*

טרוקענע ברינעמער זע איך אין חלום...
אָ, דו פֿאַרשאָלטענער אייביקער דאָרשט!
וויפֿל איך האָב ניט השערהט געסבראַט,
בלײַבט אַלץ די סיבה פֿון דאָרשט ניט דערפֿאָרשט...

ווער איז זײַן מאַמע? די ברײַיקע חמימה
צי די פֿאַרשאַרפֿטע געווירצטקייט וואָס שמאַרצט?
כ׳ווייס ניט פֿאַר וואָס, נאָר כ׳ווער נוטה צו טראַכטן:
דאָרשט קומט פֿון שׂרפֿות אין מענטשלעכן האַרץ.

ווילנע, מאַרץ 1970

*

ווען די פֿרעש וואָלטן זײַן וויסן
סאַראַ ליבטיקע דערמאָנונג
עס וועקט אויף אין מײַן זכּרון
זייער אָפּשטויסנדיק קוואַקען,
וואָלטן זיי געוויס דאָך טראַכטן
אַז נאָר זיי, און זיי אַליין נאָר,
זײַנען גורם טיף געפֿיל...

קוואַקעט, קוואַקעט, גליטשיקע —
טרובאַדורן פֿון די זומפּן!

יפֿו, אויגוסט 1977

האַנטדרוק

מיר גיבן זיך די הענט —
די האַנט פֿון יעדן טוט אַ דריק די האַנט פֿון צווייטן;
און עס פֿאַרשווינדט די טענה: „פֿרעמד",
און ס'פּלאַצן אומצוטרויס און העצעס קייטן.

ס'געדויערט בלויז אַן אויגנבליק —
איין רגעלע די הענט זײַנען צונויפֿגעפֿלאָכטן, —
און ס'ליגט די שלאַנג פֿון זיכליבשאַפֿט דערשטיקט,
דער ווילדער איך־אָקס — אָפּגעשאָכטן...

ווילנע, יאַנואַר 1962

שטימונג

דערמאָנסט מיר געשיכטעס וואָס זײַנען ניט ליב מיר,
רוקסט אונטער מיר קלעמעניש, איך, דער נאַר, נעם עס.

פֿאַר וואָס ווערט דער לויטערער טאָג פּלוצעם טריב מיר?
אַ ביטערער אמת איז אויך דאָך אַן אמת!

ווילנע, אָקטאָבער 1969

*

איך האָף, מיר וועט ניט זײַן לגנאַי,
וואָס כ'טו ניט ווי עס איז כּדאַי

(ס'איז ליב געפֿירט צו ווערן פֿון געפֿילן).

און זאָל אויך ניט געזען ווערן ווי שלעכט,
וואָס כ'בין ניט שטענדיק דעם געפֿילס אַ קנעכט

(עס טרעפֿט, דער קאָפּ קען פֿריִער פֿונעם האַרץ דערפֿילן).

ווי גוט איז, וואָס דער גורל אונדז באַשערט
אַזוי אָפּט גליקלעך זײַן פֿון טאָן פֿאַרקערט!

ווילנע, מאַרץ 1967

דער טרוים־קרבן

פֿון ברעג דעם זיכערן — דער וואָר —
איז ער אַרײַנגעשפּרונגען אינעם טרוים,
אַראָפּגעטויכט, ווי ס'פּאַסט פֿאַר אַ געניטן שווימער,
און זיך אַוועקגעלאָזט איבער די כוואַליעס לייגן קלאַפּטער...

ער האָט צו שטאַרק דעם טרוים געטרויט,
האָט ער פֿאַרבלינדעט זיך מיט אים,
אַראָפּ צום גרונט; און ס'האָט אים, אָן אַ זעל שווין,
אויף דער וואָר צוריק אַרויסגעוואָרפֿן...

ווילנע, מאַרץ 1964

געגעזונג

שטעקט אַ דערמאָנונג — אַ שפּליטער אין האַרץ.
טו איך אַ ריר זיך, דערפֿיל איך אַ שטאָך.
נעם איך אַ נאָדל אַרײַן אין דער האַנט,
זוך אים און זוך אים — רײַס לעבעדיק פֿליש.
ווערט נאָר אַ וווּנד, און דאָס שטעכן פֿאַרבלײַבט...

שטעקט שוין דער שפּליטער באַזוימט פֿון אַ וווּנד;
אין אָרט, וואָס צעשעדיקט, נאָך שטאַרקער ער שטעכט.
ברײַזיקער, פֿלאַמיקער ווערט רק די בראַנד... —
אַ פּנים, ס'מוז ווערן דער עָבר פֿאַברענט,
קענען ס'זאָל קומען אַ היילונג אין האַרץ.

ווילנע, אַפּריל 1968

האַרבסט

פֿון קווייטן פֿאַרגעלטע, ווי טרייפֿע פֿאַרלאַנגען,
די יונגיטשקע טויב איז דעם אמת דערגאַנגען,
אַז אַלץ, וואָס איז צײַטווײַליק, מוז דאָך פֿאַרשווינדן,
אַז בלאַט, וואָס ער פֿאַלט ניט, געפֿליקט ווערט פֿון ווינטן...

ווי שוואַרץ איז די קראָ אויף די נאַקעטע צווײַגן!
שוין לאַנג האָבן פֿלאַטערלעך אויפֿגעהערט לײַגן,
אַז לעבן איז ליכטיקער פֿאַרביקער ציטער
און בוימקרוין איז מער ווי באַבלעטערטע ריטער...

ווילנע, אָקטאָבער 1965

אַ בוקעט אויפֿן טיש

די שײַן — דורך שויבן דורכגעזײַט,
אַנשטאָט אַ בײַט — אַ קריגל וואַסער.
מע זאָגט, ס'איז אַלץ נאָך זומערצײַט,
די זון — קיין האָרעלע ניט בלאַסער.

אי קווייטן־פֿאַרביקייט נאָך קלעקט,
אי יונגע בלעטעלעך נאָך גרינען.
מע קוקט, באַוווּנדערט און מע שמעקט,
נאָר עפּעס קומען ניט קיין בינען!

ווילנע, אויגוסט 1962

שאָטן

ווו עס האָט געקענט זײַן שײַן,
האָט געקענט זײַן, און ניטאָ איז,
מוזן קעלט און אומעט זײַן,
אַ געפֿיל: ס'איז אַלץ נאָר טעות!

ווילנע, יאַנואַר 1957

ברכה

איך הער, סע זינגט אַ לאַרך,
מיר דוכט, סע זינגט דער טײַך,
כ'נעם אויף ווי אַ געזאַנג
דאָס פֿרעשקוואַקען אין זומפּ.

און אַ באָטשאַן — אַ פֿײַל
(פֿיס, לײַב און שנאָבל — גלײַך)
טראָגט פֿון מײַן האַרץ פֿאַר דיר
אַ העלן קנויל געזונט.

ווילנע, אַפּריל 1969

נאַש מײַן פֿרייד...

נאַש מײַן פֿרייד ווי גוטן האָניק
(באָטש ניט ליב איז דיר די בין).
אַלץ וואָס דופּטיק און אָזאָניק,
איך פֿון האַרצן דיר פֿאַרגין.

יאָ, אין דעם טאַקע דער חילוק
צווישן בין און מענטש באַשטייט:
בין — איר האָניק גיט ניט ווילּיק,
מענטש — מיט ליבשאַפֿט טיילט זײַן פֿרייד!

מאָסקווע, אָקטאָבער 1956

דער זייגער

בראָק! בראָק! בראָק! בראָק!

בראָק, צעבראָק, צעברעך, צעגלידער —
גרויסע גאַנצקייט שפּאַלט אויף שפּליטערס;
אינעם שפּליטער — גאַנצקייט ווידער...

בראָק! בראָק! בראָק! בראָק!

בראָק די אייביקייט אויף שטיקלעך,
פּיצל אייביקייט מאַכט גליקלעך.
אָפּט ווערט מעגלעך אין די ברעקלעך
וואָס אין גרויסן איז ניט מעגלעך...

בראָק! בראָק! בראָק! בראָק!

ס׳ברעקלען איז אויך אַ געפֿינען,
דריבלען צווילינגט זיך מיט שפּינען;
אַלע סתּירות — ענג געבונדן
אויפֿן אומענדוועג דעם רונדן...

בראָק! בראָק! בראָק! בראָק!

בראָק די נאַכט און בראָק דעם טאָג,
בראָק די שעהען, בראָק די רגעס;
דאָס צעבראָקן אָן אַ ברעג איז,
וואָס צו בראָקן קלעקן וועט דיר.
בראָק כּל־זמן סע שפּאַרט די פֿעדער!

בראָק! בראָק! בראָק! בראָק!

ווילנע, יולי 1960

*

לאָמיר ניט געטרויען דעם זייגער.
עס האָט שוין פֿון לאַנג אים פֿאַרדרייט זיך דער קאָפּ.
ביַי אים איז דאָך אַלץ אי דערנאָך און אי איידער,
הגם אויפֿן איצטער ער לייגט רק דעם טראָפּ.

לאָמיר ניט געטרויען די וויַיזערס,
זייער אומגלייַכן הינקיקן גאַנג.
זיי זיַינען בטבע פֿאַרגריַיזערס —
די פּאָר פֿון צו־קורץ און צו־לאַנג.

וועבט־לאַטעט דער גרויער לאַטוטניק
און מאַלפּעוועט נאָך אונדזער פּולס.
אַ בידנער איין־זילב־ריידער — נודניק
דערציילט פֿון אַ לעבן אַ פּולס.

יפֿו, יולי 1978

דער דיכטער

מעגן אַלע זייגערס ווײַזן איינע און די זעלבע צײַט,
איך האָב זיך די מײַניקע! —
אַזאַ צײַט וואָס ריכטן זיך לויט איר באַטײַט:
זען די גרויקייט פֿון דער וועלט אַ שײַניקע,
אַזאַ צײַט וואָס מײַנע טרוימען זיך פֿאַר איר פֿאַרנייגן,
ווײַל איך קען אין איר ווי אין אַ פֿורעם לייגן
מײַן צערודערט אויפֿגעברויזט געמיט
און געשטאַלטיקן דעם יום־טובדיקסטן וואונדער — ליד!

יפֿו, יולי 1975

על-חטא...

איך האָב דערשטיקט אַ ליד
מיט צוגעאײַלטן שרײַבן.
מיט זאַצן האַמעטנע
כ׳האָב אַ געפֿיל פֿאַרשטיינט.
אַ טוונג רוצחישע
כ׳בין לײַבטזיניק באַגאַנגען
(אַכזריות ביבלישע,
פֿון תּמימות ניט באַחנט!)

איך האָב דערשטיקט אַ ליד.
מײַן זיכער זײַן אין זיך
האָט אויסגעהוילט די ווערטער.
אַנשטאָט דער שאַפֿונגפֿרייד
עס פּלאָגט מיך אומברענגפּײַן.

איך האָב געטייט אַ ליד,
דער שאַפֿער איז אַ מערדער.
צי קען דען עפּעס נאָך פֿאַרברעכערישער זײַן?...

ווילנע, מײַ 1968

דיאַגנעסן

שוין אַזוי פֿיל מאָל דו האָסט געזען די זון
און דאָס לעבן אַלץ נאָך ניט דערקענט...
דיאַגנעס, מיינסט, דײַן פֿרײַהייט איז אין טון
און דו ליגסט אין איר גאָר צווישן ענגסטע ווענט...

צײַט שוין, דו פֿאַרלאָזן זאָלסט דײַן קלעם:
זאָל אין פֿולן ווּקס דײַנעם דיך זען די גאַס!
דיאַגנעס, נאַריש איז צו מאַכן זיך אַ שם
מיט אַ לעפּיש וואַלגערן זיך אין אַ פֿאַס...

זאָל די טון צו אַל די שוואַרצע יאָר
קײַקלען זיך אין וועלט אַרײַן אָן דיר!
ס'איז דער דענקער מיט דער ענגשאַפֿט ניט קיין פּאָר;
אויב שוין יאָ אַ טון, איז זאָל זי זײַן מיט ביר,

אויב די זון זען, איז ניט ליגנדיק אין פֿאַס,
נאָר שפּאַצירנדיק איבער דער ברייטער וועלט.
דיאַגנעס, משוגעת בלײַבט משוגעת,
אויב אַפֿילו זי אויך עמעצן געפֿעלט...

איך בין אויך אַ גאָרנישט־דאַרפֿער פּונקט ווי דו,
אויב דאָס דאַרפֿן די גערעכטיקייט פֿאַרלענדט.
ס'טרעפֿט, אויך מײַן נשמה נייטיקט זיך אין רו
מער נאָך ווי פֿאַרהאָרעוועטע פֿיס און הענט;

אָבער אין דער טון זיך לאָזן דורך דער וועלט —
הייסט: ניט זיך און ניט די וועלט פֿאַרשטיין...
דיִאָגענעס, ווער האָט דיר די זון פֿאַרשטעלט?
אַלכּסנדר מוקדון, מיינסטו? — דו אַליין!

מסכּים: לאָמיר גיין, לויט דײַן באַגער,
אינעם מיטן טאָג אַ מענטש זוכן מיט ליכט.
וואָס אָבער וועט זײַן דערפֿון דער מער,
אַז דער מענטש, ווילסטו, זאָל האָבן דײַן געזיכט?

און דער מענטש, ער איז דאָך ניט אַ שנעק
אַז עס זאָל זיך נאָכשלעפּן נאָך אים זײַן הויז.
דיִאָגענעס, וואַרף די טון אַוועק!
אײַנגעשפּאַנטער דענקער, שפּאַן זיך אויס!

ווילנע, מײַ 1957

צום פֿאַנאַטיקער

צי מיך ניט,
פֿאַרעקשנטער רק־איין־זאַך־זעער, אין דײַן טעמפּל,
וואָס דײַן פֿאַרשטאַרטקייט
איז אים, ניט ווייניקער ווי מײַן אומגלייבן, מחלל.
מיר זײַנען ברידער אין זינד,
און דײַן גאָט באַהאַלט זיך פֿון אונדז.

קוק ניט אויף מיר מיט אַזאַ ביטול.
זע זיך ניט כּוהן־גדולדיק,
עס איז גאָר ניט אַזאַ יִחוס!
דער כּוהן־גדול איז דאָך
די בולטסטע פֿאַרנײַנונג פֿון גרויסקייט,
וואָרעם אויב בײַ גאָטדינערס זײַנען פֿאַראַן מדרגות,
איז דאָך די ניט־גלײַכהייט מן השמים,
און עס ווערן געבּשרט אַלע קוואַלן פֿון אומרעכט.

צי מיך ניט,
כּלומרשטער עיקר־ווייסער, אין דײַן מיקדש
וואָס איז אָנגעפּילט מיט אַרויפֿגעצוווּנגענע תּפילות
און איז דעריבער מער נאָך ליידיק.
ווילסט, איך זאָל שפּרינגען „קדוש, קדוש, קדוש" ?
עס איז מיר ניט שווער,
אָבער דאָס זאָגן דרײַ מאָל נאָך אַנאַנד דאָס זעלבע
איז אַ דערווײַטערן זיך
אויף נאָך דרײַ טריט פֿונעם אמת...

נו יאָ, דיך אַרט עס ניט.
דיך גייט ניט אָן דער אמת גופֿא,

נאָר דאָס ריידן אין זײַן נאָמען,
און איך, וואָס קום דינען גאָט
אויף אַלעם פּאַרטיקן, בין ניט בודק
צי דײַן „עבֿודה" איז עכט.

צי מיך ניט,
אומגעבעטענער בעל־טובֿה,
אין אָרט ווו ס'גילט אײַנריידעניש,
ווו די נשמה שעפּט פֿאַלשע היילונג
און ווו פֿראַגעס מעגן פֿאַרבלײַבן אָן ענטפֿערס.
נאַרײַע מיר ניט הכנעה,
וואָס איז דאָס נאַרישסטע אויסטראַכטעניש
פֿונעם גרעסטן תּמים — דעם יצר־טובֿ!

שלעפּ מיך ניט, געניטער גענאַרער,
אַזוי טעמפּ אין דײַן טעמפּל!
זעסט כּלומרשט קלערער פֿון אַלעמען,
גלאָצסט די אויגן צו דערהויבנקייט
און פֿאַרזעסט דײַנע באַהאַלהטע מעשׂים־רעים.
באַהאַלט זיך ניט פֿון זיך,
וואָרעם וועסט זיך ניט געפֿינען
און וועסט אַוועק פֿון דער וועלט
אַ שוין פֿון פֿריִער פֿאַרשווונדענער...

אָ, דו פֿון עקשנות דורכגעפּרעסענער מקפּיד־מחמיר,
ביסט דער פֿאַרלוירנסטער מענטש!
דער פּיקהאָלץ קינאה, וואָס בײַ דיר אין ברוסט,
פּיקט ניט די ווערעמלער וואָס נעסטיקן אין דײַן געוויסן,
נאָר די צאַרטע בליטעלער פֿון דײַן אָנקרייטיקער לײַטישקייט.

װאָס פֿאַר אַ זינען האָט דײַן פֿרום גלאָצעניש
און װאָס קענען אױפֿטאָן
דײַנע מאָרגן־תּפֿילות און דײַן נאַכט־געבעט,
אױב די פֿינצטערקײט פֿאַרשלאָפֿסטו
און די טאָגליכט פּרוּװוסטו רק
מיט גערדיכטן װײַרער פֿאַרנעפּלען?

זאָג, האַרטנעקיקער פֿאַרנעפּלער, צי דען זעסטו ניט
אַז דער גורל מאַכט פֿון דיר, דעם ערשטן, חוזק?
מיט דײַן פּניהדיקייט טרײַבסטו פֿון זיך די װאָר,
טוסט אָן דעם עקשנות אַ װײַסן קיטל
און װײַרעכסט אַ פֿאַרזונקענער אין נבֿיאות־צבֿיעות.
מאַך ניט קײן אָנשטעל פֿון אַ כּוהן־גדול!
כּל־זמן ס׳איז מעגלעך ס׳זאָל אַ כּוהן־גדול זײַן,
איז ניטאָ קײן אָרט פֿאַר גאולה.

יפֿו, סעפּטעמבער 1975

אונטערן בוים — דעם קרובֿ פֿון עץ־הדעת און עץ־החיים

(לירישע רעמיניסצענצן)

געלעסטערטער, געלײַטערטער בן־אָדם,
הער ווי עס דאַוונט דער בוים
מיטן שטאַמלענדיקן פּלאַפּלען פֿון זײַנע בלעטער.
דאָס דאַוונט ער צו דיר, וואָרעם פֿאַר אים איז אַלץ,
וואָס איז ניט צוגענאָפּלט צו איין אָרט, אַ גאָטהייט.
פֿאַרגעטערט ער דיך און איז דיר מקנא —
עס גלוסט זיך אים אַזאַ ווי דו זײַן...

שעץ, פֿאַרגעטערטער, דעם בוימס מענטשפֿאַרבטיקייט,
זײַן זויבערע ניט־בייזווויליקע קינאה
און גיב אים צו פֿאַרשטיין
אַז ביסט נאָך מער פֿון אים אין שליטה פֿון דער ערד.
ער נאָר צו איין אָרט איז באַהאַפֿטן,
און דו — צו הונדערטער רק אַנדערע און אַנדערע געהערסט...

אָ, ווי פֿאַרדבֿקהט פֿרום סע שעפּטשעט דער בוים,
און ווי עזותדיק ווילעריש עס זינגט דער פֿויגל!
ניט שוין זשע מערקסטו ניט דעם חילוק?
נאָר ווי קען מען גאָר פֿאָדערן דו זאָלסט אים מערקן,
אויב דו קאַפּאַבל ביסט באַוווּנדערן אַ ליידיק צירלעך בלימעלע
מער ווי די צײַטיקע מיט קערנער פֿולע זאַנג,
און „שיין" זאָגסטו אויף דעם
וואָס מאַניעט שיכּורלעכע פֿלאַטערלעך און רוגזהדיקע בינען?

געלעסטערטער, געלײַטערטער,
דו הערסט זיך צו צום וויען פֿונעם ווינט
און ס'פֿאַלט דיר גאָר ניט אײַן

אַז ער דאָס מענטשלעכע געוויין קרימט איבער...
ווי קענסטו זײַן גערולדיק צו אַזאַ
וואָס פּלײַסט זיך שפּאָטן פֿון דײַן ברודערס טרערן?
דו זאָגסט, אַז בעת דערהערסט: מע וויינט,
ווערט אַלץ אין דיר פֿאַרקראַמפּט,
און אויס איז מיט דײַן קענען ניכטער שאַצן...
רייד זיך ניט אײַן: ס'איז גוטהאַרציקייט.
דאָס איז די שלאַבעריקייט פֿון אַ בעל־חלומות
וואָס האָט דערשפּירט, ער איז דעם לעבנס שטיפֿקינד...

דראַפּעט זיך די זון אויף בלאַנקן גלאַטן הימל
(ביז האַלבן טאָג — אויף צו דערגרייכן דעם זעניט,
נאָך האַלבן טאָג — צו האַלטן זיך און ניט אַראָפּפֿאַלן אין אָפּגרונט).
זעסט עס באַשײַמפּערלעך,
ווילסט אָבער זײַן בר־דעתדיקער פֿון דיין ראִיה
און ליב איז דיר צו וויסן: ס'איז דײַן אויג זיך טועה.
באַגערנדיק זײַן קליגער פֿון דײַן טבֿע,
דו אָפּטלער, מעשׂה גרעסטער שווינדלער, זיך גענאַרסט...
דאַרף קלעם זיך ניט!
דאָס טועה זײַן זיך איז דעם מענטשס באַחנטקייט,
פּונקט ווי גאָטס צאָרן איז דער סימן פֿון זײַן מאַכט.

געלעסטערטער, געלײַטערטער,
(דו — צווישן ברייטן טויער פֿונעם עָבֿר
און שמאָלער שפּאַרע צו דעם עתיד),
דײַן לאַנג־קורץ לעבן איז אַ צוגווינט
דורך אַ פּרוזדור צו אַ טרקלין
וואָס וועט אַ מאָל אַליין אַ פּרוזדור זײַן —
אַ פּרוזדור פֿאַרן נאָך־דיר־דור.
אָ, וויפֿל מאָל האָסטו עס שוין באַנומען
און מיט אַ כּיוון עס פֿאַרגעסן,

ווײַל קענסט ניט מסכּים זײַן
דײַן טרקלין זאָל פֿאַר עמעצן זײַן בלויז אַ פּרוזדור.
דערויף ביסט דאָך געשטראָפֿט מיט איביקייט,
און זיכליבשאַפֿט דער קראָכמל איז פֿאַר דײַן נשמה...
עס האָט דיך גאָט אין זײַן געשטאַלט באַשאַפֿן,
דאָך דו באַשאַפֿסט אים איבער און באַשאַפֿסט אים איבער.
איז עס דערפֿאַר וואָס זעסט אים ניט?
ניין, ס'איז דערפֿאַר וואָס זיך דו זעסט ניט.

טו נאָר אַ טראַכט און זאָג
וואָס טענהט עס אַ לעבן לאַנג דײַן דופּק —
„פֿאַראַן!", „פֿאַראַן!" אָדער „ניטאָ!", „ניטאָ!"?
און אפֿשר גייט עס דורכגעמישט?
נאָר דעמאָלט איז עס דאָך שוין האַרצפֿעלער!..

וויי־וויי, געלעסטערטער, געלײַטערטער בן־אָדם,
דער פֿאָרעך פֿון צעפֿאַלענע כימערע־וועלטן
האָט זיך אַראָפּגעלאָזט — אַ כמאַרע־פֿאָרהאַנג —
פֿאַרשטעלט און מער נאָך בלייך געמאַכט
די אויך אַזוי שוין פֿאַרלבֿנהוועטע זון.
ווער האָט עס אויסגעטראַכט די שלווה און ער גרייסט זי,
ווײַל ער איז זיכער אַז אין איר צופֿרידנקייט געדײַט?
צופֿרידנקייט איז דאָך סקלעראָז פֿון דער נשמה!

געדענק, געלעסטערטער,
געדענק, געלײַטערטער,
אַז אויף דײַן איטלעך טראָטעלע טוט לאָקערן
דער פֿון די בראשית־טעג באַליידיקטער תּוהו־ובֿוהו.
ער איז אַ נוקם — אַכזר.
ער ניט פֿאַרגעסן וועט די עוולה פֿון יצירה
און וועט ניט מיד ווערן צו האָדעווען זײַן שדיכע —

די גליטשיקע צו־זינד־צורײדנדיקע שלאַנג
(דאָס גלייבן אין דער סיטרא־אַחרא איז ניט זאַבאָבאָנע,
עס איז אמונה אָן איר ראָזעווער באַפֿאַרבונג,
און טהרה מיט טומאה זײַנען אונדז באַשערט
כּל־זמן די זון איז ניט ביכולת
איינצײַטיק די גאַנצע ערדקויל צו באַשײַנען).

נו האָסטו שוין דערהערט, געלעסטערטער?
האָסט שוין דערהערט, געלײַטערטער,
ווי ס'דאַוונט דבֿקותדיק דער שטאַמלענדיקער בוים?
דערהער זשע אויך דאָס שטילע ברכי־נפֿשי־שעפּטשען פֿון אַ גרעזל
און דו דערלייזט ווערסט ווערן פֿון דער שרעק פֿאַר שטורעם,
געלעסטערטער פֿון עץ־החיים,
געלײַטערטער פֿון עץ־הדעת.

יפֿו, יולי 1976

אין קלעם פֿון געהאָרכיק זײַן

דער עבֿד

כ'האָב ליב מײַן האַר פֿאַראַכזרטן,
זײַן צאָרנדיק געוויטערן.
כ'האָב ליב פֿאַר אים צו בוקן זיך
און פֿאַר זײַן בליק צו ציטערן.

איך האָב בײַם הונט געלערנט זיך
ווי אָן אַ מאָס געטרײַ צו זײַן.
נאָך זעקס יאָר אונטערטעניקייט
וואָלט מיר אַ יאָר זײַן פֿרײַ צו זײַן!

מײַן אויער דורכגעשטאָכן איז —
די אָל באַהעפֿט מיך צום האַרס טיר.
ווער ס'זעט עס, איז מבֿזה מיך,
דאָך בושה לאַנג שוין פֿרעמד איז מיר.

פֿאַרבײַ וועלן די חרפּה־טעג,
מע ט'אויפֿהערן באַשפּײַען מיך,
און איך וועל ווײַטער זײַן מײַן האַרס
און פֿרײַ זײַן פֿון באַפֿרײַען זיך.

מיר ווידער אַ מאָל הייסן גיין
ט'ניט קומען אויפֿן זינען אים,
און שוין דאָס גאַנצע לעבן מײַנס
כ'וועל, ווי דער קעמל, דינען אים!

ווילנע, נאָוועמבער 1967

פֿירער...

פֿיר אונדז, פֿירער! פֿיר אונדז, פֿיר!
אונדזער טראָט געהערט צו דיר.
גוט איז וואָס נאָר דו אַליין
ווייסט וווהין מיר דאַרפֿן גיין!

פֿיר אונדז, פֿירער! נייט און פֿיר!
ס'איז אַ גליק צו דינען דיר —
זיך אַ וואָרף טאָן אויף די קני
פֿאַר דײַן קאַלטן אויגנגלי.

פֿיר אונדז, האַרטער פֿירער, פֿיר!
בייג אונדז, ברעך אונדז, קנעט, דרעסיר.
מיר זײַנען מיט גרעסטער פֿרייד
פֿײַן בײַ דיר צו נעמען גרייט.

פֿיר אונדז, רשע פֿירער, פֿיר!
בטל ווערן מיר פֿאַר דיר!
נישטיק זײַנען מיר אָן דיר!
און מיט דיר — — — ?

פֿיר די סטאַדע! — פֿיר אונדז, פֿיר...

ווילנע, אַפּריל 1968

לית דין!...

עס פֿאַסעוועט רישעות מיט אומרעכטס בלי־זיין:
לית דין ולית דיין,
לית דין ולית דיין.

קאַט ברילט ווי אַ לייב, קרבן שטומט ווי אַ שלײַען.
לית דין ולית דיין,
לית דין ולית דיין.

אין בלוט און אין גאַל טרינקט זיך מענטשלעכער רעיון.
לית דין ולית דיין,
לית דין ולית דיין.

די פּלאַפּלערקע טרייסט איז שוין אויך מיד פֿון ברײַען.
לית דין ולית דיין,
לית דין ולית דיין.

באַשאַפֿער פֿון טויטשלאַג — געזעצגעבער קיין,
זײַ דו כאָטש דער דיין,
זײַ דו אונדזער דיין!!

ווילנע, יוני 1969

ניט גרינג איז צו פֿאַראורטלען זיך!*...

ניט גרינג איז צו פֿאַראורטלען זיך!
מע מוז אָבער, מע מוז.
ווי לאַנג קען מען אַ ניכנע זײַן
און תּמיד „גיין אין פֿוס״?...
נו יאָ, מע האָט מיר אָנגעטאָן
דאָס שאַנדהעמד פֿון אַ שולד.
ווי האָב איך אָבער אַזוי לאַנג
פֿאַרטראָגן מײַן געדולד?

ס׳איז יעדנס לעבן ווערט אַ סך.
די פֿרײַהייט — אָבער מער!
ניט אַלץ איז נאָך דאָס ברויט, די פֿרייד,
די פֿרײַנדשאַפֿט און די טרער.
אָ, קנעכטישע פֿאַרליטנקייט
און מצדיק זײַן דעם דין;
אָ, הינטישע געהאָרכיקייט,
אַ נישטיקער איך בין!...

פֿאַראַן אַ זון, אַ שטורעמווינט,
פֿאַראַן אַ פֿלאַם פֿון האַס.
זע, ס׳קײַקלט זיך אַ לייזיקע
די דיִאָגענעס-פֿאַס.
צינד אָן זי, מענטש אַנטמענטשלעכטער,
און קריך אין איר אַרײַן.
וועט אפֿשר דײַנע שאַנדצייכנס
דײַן אַש מכפּר זײַן...

ווילנע, יאַנואַר 1969

* אין די לענדער פֿון צוואַנגרעזשימען ווערן אַלץ עפֿטער די פֿאַלן פֿון אונ-טערצינדן זיך, ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער פֿאַרשקלאַפֿונג.

אויטאָדאַפֿע

פֿײַער טוליעט זיך צום האַלדז,
שפּרינגט דעם מענטש אַריבער.
אי דעם שטערן אי דעם פּלאַץ
טרייסלען גרויל און פֿיבער...

עקבערט רויך די פֿײַערוואַנט,
בויערט אין איר נישעס.
רויט דער פֿלאַם און רויט דאָס בלוט,
רויט דעם תּלינס רישעות.

שטאַרט באַצוווּנגענער פֿאַרקראַמפּט
(ווי אַ סנאָפּ געבונדן).
לײַב, וואָס שיצט אַ שטאַרקן גײַסט,
שרעקט זיך ניט פֿאַר וווּנדן...

רײַסט זיך פֿלאַקער אָפּ פֿון האַלדז,
טרעט צום מענטש צו נע׳נטער.
שענדער, שענדער, האַלט אים אָפּ!
איצט איז צײַט נאָך, שענדער.

אָ!.. פֿאַרקרעמפּעוועטן גוף
קעמען רויטע קאַמען!
ניט נאָר לײַב, געביין, און בלוט, —
מענטשלעכקייט אין פֿלאַמען!

דולט דער פֿלאַקער, ווילדעוועט,
ברעכט די צונטער־פֿינגער...
רשע, ווער האָט דיר דערלויבט
זײַן דעם צדיקס צווינגער?

און דײַן ברודער אין פֿאַרברעך
זײַן זאָל פּראָמעטעוס?
ווער האָט דיר געגעבן רעכט
טרייף מאַכן אידעעס?

ניין, ס'וועט גאָרנישט פּועלן
דײַן רציחה, הענקער!
דער געדאַנק ווערט ניט פֿאַרברענט
מיטן לײַב פֿון דענקער!

וואָס מיט שײַטערס טוט מען אויף,
איז אויך ווי אַ שײַטער —
ס'בלײַבט פֿון דעם אַ הויפֿן אַש,
און די צײַט שפּאַנט ווײַטער!...

ווילנע, אַפּריל 1970

כ׳וויל דערציילן אײַך אַ מעשׂה...

כ׳וויל דערציילן אײַך אַ מעשׂה
פֿון אַ מלך מיט אַ מלכּה.
און דער מלך איז אַ למך,
און די מלכּה איז אַ מאַלפּע,

און אַרומגערינגלט זײַנען
זיי מיט זיבן פּאַפּוגײַען
וועלכע פּלאַפּלען ווי די ווײַבער,
אויף חידושים פּליאַטקעס ברײַען.

און די אייזלען הערן צו זיך
מיט די אויערן די לאַנגע
און זיי זײַנען הייליק זיכער:
זיי דעם תּוך זײַנען דערגאַנגען.

און די הינט פֿוילן זיך היטן
(זיי נאָר אויסן זײַנען בײַסן),
און די ברודיקע חזירים
טוען אָפּ געמיינסטע מעשׂים...

קוקט דער מלך — סאַמע תּקיפֿות,
רעדט באַפֿוילעריש און שפּאָטיש,
פֿון די פּיאַטעס ביז די פּאַטלעס —
גאַווהדיק און אידיאָטיש...

אויב עס איז אַזאַ דער מלך,
אויב עס איז אַזאַ די מלכּה,
איז נאָך צען מאָל וויטיקדיקער
דאָס באַקומען פֿון זיי מלכות.

אוי, ניט גוט איז אונדז, ניט פֿריילער!
יעדער טראַכטן מוז: „איך שעם מיך,
אויב עס איז מיַין האַר, דער מלך,
אַזאַ רשע און אַ למך".

אויב עס איז דער מלך־אַכזר
אויך אַ טיפּשותדיקער קעניג,
ווער זשע, ווער בין איך אַזעלכער,
איך וואָס בין אים אונטערטעניק?...

ווילנע. מאַרץ 1969

בעלי־חיים

דער האָז

וועך גנבֿעט זיך אַהער?
אַ פֿוקס אָדער אַ וואָלף?
איך ווייס ניט ווער,
נאָר עמעץ, פֿיל איך, לאָקערט...

אַרום דער שניי — אין גאַנצן ווײַס,
קיין איין באַשעפֿעניש אויף אים.
מע זעט קיין שפּור, מע הערט קיין שאָרך,
דאָך עמעץ ערגעץ לאָקערט...

ווי גוט איז מיר
ווען כ׳בין אַ רגע ניט געיאָגט,
ווען איך קײַ קרײַטעכצער און מאָך,
און ס׳רוען מײַנע פֿיס די לאַנגע און די קורצע...

נאָר זעלטן־ווען אַזוינס געשעט;
און אויב עס טרעפֿט שוין, גלייבט זיך ניט.
דער פּחד יעדע רו דערשטיקט,
די מורא ראַטעוועט און... גריזשעט.

אָ, אַלע גייען זיי אויף מיר!
דער פֿוקס, דער וואָלף,
דער הונט, דער מענטש
מײַן פֿעלכל און מײַן פֿלייש באַגערן...

איך בין פֿון אַלעמען געיאָגט,
אַקעגן אַלעמען כ׳בין שוואַך,
נאָר כ׳וויל ניט שטאַרקער זײַן פֿון זיי,
איך וויל נאָר פֿון מײַן שרעק זײַן שטאַרקער!

פֿאַר וואָס?.. פֿאַר וואָס
איז אַזוי שווער צו זײַן אַ האָז?...

ווילנע, נאָוועמבער 1962

דער וואָלף

ס'איז פֿינצטער שוין.
ס'ווערט אַזוי אָנגענעם צו וויען...
אין וואַלד — נאָר ווײַסער שניי,
איבערן דאָרף — אויך ווײַסע רויכן;
פֿון העלער רו
צו העלן אומרו ציט...

די נאָז איז פֿײַכט,
אין פּיס — אַ טרײַבנדיקע שטײַפֿקייט,
אַ שאַרפֿע לעכצונג
אין די אינגעווייד זיך קלאָגט:
„קיין פֿערד! קיין קאַלב!
קיין ציגעלע אַפֿילו!"
וואָס איז אַ וואָלף אָן אַלעם דעם,
אויב ניט אַ הונט? —
אַ הונט מיט אויערן
וואָס וויעט ניט, נאָר בילט...

סע שפּרינגט אַ האָז?? —
— — — — — — — — —
ניין, ס'האָט מיר אויסגעדאַכט זיך.
דער הונגער אָפּט די אויערן פֿאַרפּירט.
דער האָז איז ווײַט —
ער מײַדט מיך אויס,
ער ווײַכט פֿון מיר, דער פּחדן.
אָ, ווי כ'פֿאַרלײַד אים ניט,
ווי כ'האָב אים פֿײַנט!
אַזוי צו וועלן לעבן...
מיט אַלע מײַנע ציין

איך האָס אַזוינס.
דאָס וועלן בײַסן איז דאָך
שטאַרקער פֿונעם וועלן לעבן...

איך גיי, עס פֿירן מיך די ציין.
כ'ווייס: אַלץ איז נאָר אין זיי געווענדט.
אַ צאָן, וואָס שטעכט זיך ניט אַרײַן
אין יענעמס פֿלייש,
דאָס פֿלייש דאָס אייגענע, דוכט, רײַסט,
און ווען ער בײַסט אַ פֿרעמדנס לײַב,
ווערט ס'לײַב דאָס אייגענע
ווי פֿון דאָס נײַ געבוירן...
נאָר וואָס זשע קענען אויפֿטאָן ציין
אַז אַלע אַלע מײַדן מיך,
אין וואַלד און פֿעלד מע לויפֿט פֿון מיר.
אָ, שווער איז מיר, איך בין אַ שטאַרקער!

שטאָק פֿינצטער שוין.
איך גיי, און קיינער וואָלט מיך ניט געמערקט,
נעמען די ניבֿזהדיקע הינט
פֿון פֿעל זיך רײַסן.
זיי בילן, און דאָס דערפֿל הערט,
פֿאַרשטייט אַז איך דערנענטער זיך,
און ס'וואַרט געוויס שוין מיט אַ פֿרענט
דער שוואַכלינג שפֿלער
וואָס האָט פֿון לאַנג שוין
ווי מע גייט אויף אַלע פֿיס פֿאַרגעסן...

אַזאַ געראָטענע די נאַכט —

אַ פֿראַסטיקע, אַ פֿינצטערע,
און ס'ליגן סתּם
אַזוי פֿיל לעמעלער
און קעלבער אין די שטאַלן...

אָ־ווײ מיר, ווײ! —
ניטאָ קיין רויטקייט אויפֿן שניי!

ווילנע, יאַנואַר 1963

דער האָן

איך ווייס ניט וואָס אַזוינס דאָרט איז —
אַ רויטער קאַם צי אַ רויט איי...
נאָר איך שפּרינג אויף אויף לאַנגע פֿיס,
פּאַטש מיט די פֿליגל און איך קריי:
„דער האָן איז קלוג!
דער האָן איז קלוג!"
און ס'העלפֿט מיר הינעריש געשריי:
„קוק־קוק, קוק־קוק,
קוק־קוק, קוק־קוק:
אַ רויטער קאַם צי אַ רויט איי?.."
מײַן בליק איז וויטזעיִק און קלאָר,
דער שלאָף אים מער שוין ניט פּאַרדעקט.
מײַן פֿוס אין מיסט זינקט ביז צום שפּאָר,
און פּיקעבץ קלעקט,
און פּיקעבץ קלעקט...
די הינער טאַנצן אַרום מיר:
„אַזאַ־אַ האָן איז דאָך אַ גליק.
ער גראָבט אויס קערנער אָן אַ שיעור —
פּיק־פּיק, פּיק־פּיק,
פּיק־פּיק, פּיק־פּיק!"
צעפֿעבערט זיך מײַן שיינער עק,
מיט גאווה גיסט זיך אָן מײַן אויג.
כ'שפּאַן אום אין הויף פֿון ברעג צו ברעג —
איך טויג! איך טויג!
איך טויג! איך טויג!
און אויבן כ'זע, דאָס רויטע איי
איז אַזוי שרעקלער, שרעקלער גרויס.
ס'זאָל נאָר פֿון דעם ניט, ווײ־ווײ־ווײ,
קיין האָן קיין גרעסערער אַרויס!..

פֿאַרדריסט עס מיר, לאָז איך אַראָפּ
מײַן שטאַרקן פֿליגל ביז דער ערד,
אַ פּיק אַ קוואָקע כ׳טו אין קאָפּ,
און כ׳פֿיל נאָך מער מײַן גרויסע ווערט:
נאָר איך אַליין!
נאָר איך אַליין!
ניטאָ גרעאָטענער פֿון מיר!
אָט אויף איין פֿוס איך פּרוּוו זיך שטיין,
און אָט אויף ביידע איך שפּאַציר.
דער הויף איז לאַנג. דער הויף איז ברייט.
אַזוי פֿיל הינער, איך — איין האָן.
איך קוק אויף זיי מיט שטרענגער פֿרייד,
ווי וואָס צו פּיקן כ׳ווײַז זיי אָן...
קאָ־קאָ, קאָ־קאָ,
קאָ־קאָ, קאָ־קאָ,
קאָ־קאָטער יאָגט זיך נאָך אַ הון.
ער מיינט אַז איך בין דאָ ניטאָ;
נאָר איך אַ שפּרונג טו אויף אַ טון,
פּאַטש מיט די פֿליגל און איך קריי —
מיט גרעסטן מוט אַ טומל כ׳מאַך.
דער קאָטער טוט זײַן עק אַ דריי
און מאַכט שוין פּליטה אויף אַ דאַך...
אָ, הינער זעט,
אָ, הינער זעט:
דער קאָטער איז שוין העט־העט־העט!
קאָ־קאָ, קאָ־קאָ,
קאָ־קאָ, קאָ־קאָ,
ווי וווּל איז אײַך, וואָס איך בין דאָ!..
מע האָט מײַן ליבסטע הון געכאַפּט —
געבונדן זי, מיט איר אַוועק.
איך האָב געזען, איר לײַב מע טאַפּט,

כ׳האָב זי באַגלייט דעם גאַנצן וועג,
וואַרט, וואַרט זשע, וואַרט!
וואַרט, וואַרט זשע, וואַרט!
איר וועט נאָך זען,
איר וועט נאָך זען,
ווי מײַנע שפּאָרן זײַנען האַרט
און וואָס מײַן שאַרפֿער שנאָבל קען!..
דאָס רויטע איי לאָזט זיך אַראָפּ
און עס זינקט אײַן,
און עס זינקט אײַן...
מיט זיסטער פֿרייד ווערט פֿול מײַן קראָפּ:
קיין האָן קיין גרעסערער ט׳ניט זײַן!
שפּרײַז אום איך האָפֿערדיק און שטראָם,
עס בלאָזט אַ צערטלענדיקער ווינט,
אַנשטאָט דעם איי — אַ רויטער קאָם.
נאָר באַלד דער קאָם שוין אויך פֿאַרשווינדט;
ער איז ניטאָ!
שוין מער ניטאָ!
קומט, הינער, שלאָפֿן, קאָ־קאָ־קאָ!
ביז עס גייט אויס די לעצטע שײַן
אין שטײַג אַרײַן,
אין שטײַג אַרײַן!
איך קריך פֿאָרויס. דעם דרייסטן האָן
געהער דער שפּיץ פֿון אויבנאָן.
איך אויפֿן העכסטן דרענגל זיץ,
פֿאַרטיידיק אײַך און אײַך באַשיץ,
מײַן שאַרפֿער בליק טרעפֿט אומעטום,
כ׳זע אַלץ פֿאָרויס, כ׳ווער אַלץ געוווּיר — —

גוואַלד, הינער, רינגלט מיך אַרום!!
מיר דאַכט, עס גייט אַהער אַ טכויר...

ווילנע, אויגוסט 1962

די קאַץ

מײַנע פֿינגער — ווייך באַקישלט.
ניט דערהערט מײַן טראָט מוז בלײַבן.
ס'איז אַ שאָד דעם זיסן מײַזל
אָנטאָן איבעריקע שרעק...

ס'טאָר פֿון פֿריִער גאָרנישט מערקן.
זאָל עס מונטער גריזשען דילן,
ביז דער סאַמע לעצטער רגע
זיך ניט פֿאָרשטעלן זײַן סוף...

און אַפֿילו ווען שוין ס'צאַפּלט
צווישן מײַנע שאַרפֿע נעגל,
מיט די קישעלער איך גלעט עס,
פּעטשל אונטער, שפּרינג און שטיף...

טאָן אַ כאַפּ עס און פֿאַרצוקן
פּאַסט ניט פֿאַר מײַן קאַצן-ווייכקייט.
איך צו שטאַרק, צו שטאַרק האָב ליב עס,
כ'זאָל עס אײַנשלינגען און שוין...

לאָז איך אָפּ עס, זאָל עס קענען
ביזן ראַנד פֿון לאָך דערלויפֿן.
און אַז כ'טו פֿון ס'נײַ אַ פּאַק עס,
איז עס ווי אַ נײַער פֿאַנג...

ווער האָט אויסגעטראַכט, איך מײַז האַס ?
ס'איז דעם בייזן הונטס רכילות !
קען מען האַסן אַזאַ זיסקייט ?
ווער קען האַסן פֿרייד און שפּײַז ?

אַ פֿאַרדראָס נאָר און אַ ווייטיק
וואָס דאָס מײַזל אַזוי שוואַך איז
און עס קען ניט איבערטראָגן
אַזאַ שטורעמדיקע שפּיל —

עס פֿאַרלירט זײַן זשוואַווע פֿלינקייט,
עס ווערט אָן, נעבעך, דעם אָטעם;
און, אַנשטאָט זיך שפּילן, שטיפֿן,
כ׳מוז עס אויפֿפֿרעסן און גאָר...

וויי, ווי קורץ, ווי קורץ געשפּילט זיך!
זאַטקייט ווייעט אָן אַ בענקשאַפֿט.
ליג איך, מורקע און באַלעק זיך,
און דאָס האַרץ מיר רײַסט און רײַסט...

כ׳קען ניט ליגן מער בײַם אויוון,
כ׳קען קיין אָרט זיך ניט געפֿינען.
יאָגט עס מיך אַראָפּ אין קעלער,
הייבט אַרויף מיך אויפֿן דאַך...

ווער קען נאָר, ווי איך, דערלאַנגען
סײַ צום קעלער סײַ צום בוידעם?
איך נאָר איינע אומעטום גרייך,
היימיש בין אויף יעדער הייך...

אָט אַ שפּרונג כ׳טו פֿון מײַן לאָקער
פֿלינקער, ווי די שוואַלב טוט פֿליִען,
אָט פֿאַמעלעכן איך שלײַך זיך,
קוים באַוועגנדיק מײַן עק.

כ'בין אַ צאַרטינקע, אַ שטילע,
פֿײַנט האָב איך פֿון בלוט באַפֿלעקט זײַן,
וואָס איך, וואָס איך זיך דאָס פּיסקל
אי נאָר מײַז אי סתם אַזוי...

אָ, ווי גוט ס'איז זיך צו צינען,
הייקערן דעם גלאַטן רוקן,
רײַבן זיך אָן פּיס פֿון מענטשן,
לעבנס רײַסנדיק, זײַן ווייך...

ווילנע, יולי 1963

דער אַרבעטסאָקס

צאָב! צאָב־ע!
צאָב! צאָב־ע!
און די בײַטש שפּרינגט אויף די ריפּן
ווי אַ שלאַנג אונטער די טלאָען...
מעג עס בריִען, מעג עס שמאַרצן,
איך פּאַוואָלינקע טו טרעטן...
וויִטיק טאָר ניט אונטערטרײַבן,
רויִק מוז מען אים פֿאַרטראָגן,
ס'איז ניטאָ וווּהין צו אײַלן,
פֿרייד איז סײַ ווי ניט פֿאַראַן!

צי איך צי אַ פֿולן וואָגן,
צי איך שלעפּ אַן אַקער־אײַזן,
צי איך קנעט די ליים אין גריבער,
צי אַ מילראָד־שטאַנג איך דריי,
תּמיד שטייט פֿאַר מײַנע אויגן
גרויע גליוועדיקע פּוסטקייט.
לאַסט און עלנט, ווי צוויי הערנער,
שטעכן דורך מײַן יעדן טאָג...

און פֿאַר נאַכט — בײַם פֿולן צעבער
ווען דער קאָפּ אינעם געטראַנק זינקט,
ס'ציִען זיך די פֿעדעם סלינע
און דער בויך ווערט אָנגעפּויִשט,
כאַפּט נאָך מער אַרום אַן אומעט...
הונגעריק איז שלעבט,
און זאַט — נאָך ערגער!

ליג איך און בין מעלה־גירה
היי פֿון מאָגן, בילדער פֿון זכּרון.
ביידע זאַכן — אָן אַ טעם...
אָ, ווען איך אַ מאָל זאָל קענען
ווי אַ קאַלב דעם עק פֿאַררײַסן,
ווי אַ קו מיט ליבע מרוקען,
ווילדעווען ווי דער בוהײַ,
וואָלט איך גלײַך מײַן יאָך צעבראָכן
און מײַן באַלעבאָס דערשטאָכן,
דאָך ס'איז אַלץ מיר פֿרעמד און נימאס,
רויִק פֿליסן מײַנע בלוטן;
און אַ מאָל, אויב איך פֿאַרבענק זיך,
איז עס בענקען נאָך אַ בענקשאַפֿט...

צאָב! צאָב־ע!
צאָב! צאָב־ע!
ס'אַרט מיך ניט — אַהין, אַהער...
היי איז זיסער? שטרוי איז אויך גוט!
ס'איז אַלץ איינס מיר: גראָז צי שאָלעכץ,
כ'גיי אין שפּאַן, אין יאָך פֿאַרקלאַמערט,
קיין זאַך לעבן איך, גאָרנישט זוך איך,
איין זאַך וויל איך: גאָרנישט וועלן.
ווער דאַרף קי? ווער בענקט נאָך קעלבער?
בענקשאַפֿט — שטעכלקעס אין האַרץ...

כ'בין ניט מער דאָס פֿלינקע קעלבל —
דאָס אָנהאָרנדיקע ביקל
וואָס טוט לויפֿן און טוט שפּרינגען,
ביז מע שנײַדט דעם אויס די פֿרייד...
כ'בין אויך ניט דער ביק פֿון סטאַדע
מיט צעווילדעוועטע בליקן,

מיט צעבושעוועטן אָטעם,
וואָס לויפֿט נאָך נאָך יעדער קו...

ווען עס דולן ניט די בלוטן,
ווען דאָס אויג איז ניט פֿאַרלאָפֿן,
זעט מען אַלצדינג קלאָר, ווי איך זע,
פֿילט מען אַלצדינג קאַלט, ווי איך פֿיל,
טרעט מען גלײַכגילטיק־געלאַסן,
נעמט מען אויף די שמיץ געדולדיק.
אַלץ איז נישט און אַלץ איז נישטיק —
ס׳פֿעלט די פֿרייד פֿון קענען נאַרן זיך...

ווילנע, פֿעברואַר 1963

דאָס לעצטע פֿערד...

אויף טומלדיקער גאַס, בײַם סאַמע טראָטואַר,
פּונקט ווי אַ שעמעוודיקער פֿרעמדער
אין אַ פֿריילעכער געזעלשאַפֿט —
אַ פֿערד־און־וואָגן גאָר...
אַקעגן גאַווהדיקע אויטאָקאַרן,
אַקעגן חוצפּהדיקע מאָטאָציקלען
אַן עלנטער, פֿאַרלאָזענער,
אַ שוין פֿון לאַנג ניט־היגער,
עס קלאַפּט דער פּולס
פֿון מײַן פֿאַרשאַלטער קינדהייט:
אויס!
אויס!
אויס!
אויס!

פֿון וואַנען קומט עס איצט אַהער?
ווו איז זײַן שטאַל?
און ווער באַדאַרף עס הײַנט
ווען שוין פֿון לאַנג
עס האָט זיך אָפּגעטאָן זײַן גדולה?..
דער רוקן — גלאַט,
דער זאָדיק — קײַלעכיק און פֿול,
די לעבעדיקע אויגן — טריב
קעגן די טויטע, בליצנדיקע אויטאָלאָמפּן...
אויס!
אויס!
אויס!
אויס!

דער וועג איז ווייך און שטײַף,
דער וועג איז גלײַך און גלאַט —

קיין שטיין, קיין דאָרן און קיין זומפּ —
די קאָפּעטעס זײַנען זיך אַזש מחיה:
סע לויפֿט זיך גרינג,
דער כאָמעט האָצקעט זיך, דער וואָגן שווימט,
און עס באַגלייטן זיי, ווי קראָען:
נײַגער, מיטגעפֿיל און חוזק...
אויס!
אויס!
אויס!
אויס!

אַזוי פֿיל וואַרעמקייט
אין ווײַסן אָטעם פֿונעם פֿערד,
אַזאַ געמיטלעכקייט
אין ברייטן פּאָכע פֿון זײַן עק,
נאָר עפּעס כאַפּט עס אָן און ווערגט דאָס האַרץ,
שיט נאָדלען אָן אינעם צערודערטן געמיט...
די טומלדיקע ברייטע גאַס
ווערט פּלוצעם שרעקלער בלייך
און ווי אַ שוואַרצע זון הענגט איבער איר
דאָס גרויסע מאָנענדיקע פֿערדנאַויג —
די פֿײַכטע, סאַמעטענע, שוואַרצע טענה:
„דער לעצטער זײַן איז גרויליק שווער,
אַריבערלעבן אַלעמען — הייסט איבערלעבן זיך אַליין!"

אויס?
אויס?
אויס?
אויס?

אויס!..

ווילנע, אויגוסט 1962

די צוויג

די דרייסטקייט אויפֿן הויף
ווערט מורא אויף דער גאַס.
פֿון וואַנעט נעמען זיך
אַזוי פֿיל שטעקנס?

די ענגע היים איז ברייט,
די ברייטע פֿרעמד איז ענג.
ווי שווער איז דעם, וואָס שרעקט,
פֿאַר עפּעס זיך צו שרעקן!

איך טראָג זיך דורך דער גאַס,
עס איז מיר איבעריק מײַן עק.
איך הער אָט אַ גערוף,
אָט פֿײַפֿערײַ געמיינע,

און ס׳קען זײַן, אַז פּונקט איצט
האָט דאָרט, אין עק פֿון שטאַל,
זיך צוגעכאַפּט אַ קאַץ
באַשמעקן מײַנע קליינע...

וואָס איז דאָס פֿאַר אַ בויד?
אַזוי פֿיל הינט אין איר!
זיי רײַסן זיך ניט גאָר,
נאָר מיט די פֿליקציין קריצן.

עס יאָגט זיך נאָך נאָך מיר
אַ דישל מיט אַ זאַק — —
— — — — — — — —

אָ, ווי אַ נישטיק פֿלאַטערל,
האָט מיך געפּאַקט דער היצל!

סע שפּאַנט דאָס פֿוילע פֿערד,
עס רוקט זיך שטיל די גאַס,
אָט שווימט פֿאַרבײַ מײַן הויף,
און ס'ווילט זיך וויען, וויינען...

אָ־ווײ, איך שפּיר, איך שפּיר:
דער גדלן־רשע־נאַר —
דער גאַלאַגאַנסקער האָן
פּיקט אויס די אייגעלער בײַ מײַנע קליינע!

ווילנע, יולי 1966

דער חזיר

האָט דען ווער אַזוי פֿיל פֿלייש, ווי איך ?
אויסגעמאָגערט איז דאָס פֿערד,
בײַ דער ציג די ריפּן שטאַרצן,
און אַפֿילו אויך די שעפּס
וואָס איז דיק אַזוי און פֿעט,
שטייט אויף ליטקעס —
הוילע פֿעל און ביינער...

האָט דען ווער אַזוי פֿיל פֿלייש, ווי איך ?
ווי אַ באַרג — מײַן נאַקעט לײַב,
פֿול־געפּאַקט — מײַן פֿעטער קאַרק,
פֿיסלעך — קײַלעכדיק און קורץ,
אייגעלעך — קוים וואָס מע זעט,
און מײַן עקל — דאַר, פֿאַרקניפּלט,
הענגט זיך ווי אַ נישטיק שטריקל.
אַלץ אין מיר איז סאַמע גוף,
כ'בין אין גאַנצן לויטער פֿלייש,
ווייך און ראָזלעך ווי אַן אײַטער...

שעפּס גיט וואָל,
קו גיט מילך,
אייזל האָרעוועט,
הונט בילט.
איך גיב גאָרנישט,
גאָרנישט כ'טו.
כ'קוועל אָן פֿון מײַן פֿלייש און רו —
כ'רו, כ'רו, כ'רו, כ'רו !...
כ'רו און האָדעווע מײַן גוף.
לעבן הייסט :
הנאה פֿונעם טונקען פֿלייש אין בלאָטע...

ווילנע, אָקטאָבער 1962

דער בער אין שטײַג

שווער דעם בער,
שווער דעם בער.
שווער — די פֿעל, די לאַפּעס — שווער.
האָט ער מער ניט אײַן באַגער:
אַרויסברומען פֿון זיך די שווערקייט...

ברומט ער, ברומט זיך ניט אַרויס.
שטומט ער, שטומט זיך אים ניט אויס.
פֿאַלט אים אײַן זי אויסצוטרייסלען;
נעמט ער אונטערשפּרינגען, האָפּסן,
פֿרײַכנדיק די לאַפּעס פֿלעכט ער...

ווערט אַרום אַ ווילד געלעכטער:
גאָרגלדיק כיכיקען אייזלען,
עס פֿאַרקײַכן זיך די צאַפּעס,
טעמפּע שווערמוטיקע אָקסן
הירזשען ווי די יונגע שקאַפּעס...

ווערט דעם בער,
ווערט דעם בער
שווערער נאָך, ווי ביז אַהער.

ווילנע, יולי 1966

דער באַלײדיקטער בער

האָט אַ בין אַ שטאָך געטאָן דעם בער.
האָט דער בער אַרויסגעלאָזט אַ טרער,
אַ באַלײדיקטער גענומען ברומען.

איז אַן אַלטער פֿוקס געקומען,
זיך צעפֿאָכעט מיט זײַן פֿענדזלדיקן עק,
ס׳אָרט פֿון שטאָך געטאָן אַ לעק
און גאָר מוסרן גענומען:
„אַזאַ קלײנס טוט דיך אַ ביס,
און דו ווערסט דערפֿון אַזש בטל?!
כלעבן, בעריש, מיך פֿאַרדריסט,
קי און קליאַטשעס פֿון דיר שפּאָטן״...

ווײסט שוין נעבעך ניט דער בער,
וואָס אַזוינס טוט ווי אים מער,
און וואָסער בײזס איז מערער בראָך:
גיפֿטנדיקער בינענשטאָך
אָדער גלײַכווערטעלע קלוגס
פֿון ניט־אויפֿריכטיקן פֿוקס?...

ווילנע, יאַנואַר 1970

דער הונט

ס׳האָט מײַן באַלעבאָס
אַזאַ לאַנגע נאָז
און עס איז אים פֿרעמד די פֿרייד פֿון שמעקן...

טאָג און נאַכט כ׳וואָלט אים באַלעקט,
און ס׳וואָלט מיר נאָך ניט געקלעקט,
שלאָגט ער פֿאַר מײַן צו פֿיל לעקן...

טראָג איך אָפּ זיך, ליג און היט.
שטענדיק שטעק איך אין דער מיט
פֿון אַ מישענינע ריחות.

אויסלויפֿן איך קען אַ וועלט,
נאָז און אויער אָנגעשטעלט,
זוכן פֿון זײַן טראָט די צייכנס;

זוכן אויף צו לעקן אים,
זוכן צו באַשמעקן אים,
שיצן אים און דעקן אים...

בענקשאַפֿט — אויף מײַן נאָז און ליפּ,
מיט זײַן שטעקן אויף מײַן ריפּ
האָב איך אים ליב!...

ווילנע, דעצעמבער 1957

דער אַלטער הונט

דער אַלטער הונט וואָס דרעמלט אויפֿן הויף,
וואָלט בילן אויף דער זון, ווען ער זאָל האָבן כּוח...
זי וואַרעמט אים, איר יעדער שטראַל דערמאָנט,
און יעטווידע דערמאָנונג איז אַ זלידנע פֿליג
וואָס זייגט זיך איַין אין ערטער
וווּ די פֿעל געפּלאַצט איז...

געוועזן עס זיַינען טעג —
ס'האָט יעדע קאַץ אים אויפֿגעקאָכט זיַין בלוט,
אין יעדן מענטש געזען האָט ער אַזאַ
וואָס האָדעוועט אַן אַנדער הונט,
און יעדער דורכגייער גערייצט האָט אים,
למאַי ער איז נאָך ניט צעביסן...

איצט איז ער גלייַכגילטיק צו אַלץ,
די פֿעטסטע מאַרכביינער האָבן אַ טעם פֿון האָלץ...
עס אַרט אים ניט אַפֿילו אויך דער באַלעבאָס!
ליגט ער אַן אויסגעצויגענער קעגן דער זון
און גענעצט ווען ס'פּאַרגלוסט זיך בילן...

ווילנע, אויגוסט 1962

דער אַלטער וואָלף

קרעכצט דער אַלטער וואָלף
וואָס האָט שוין אומזיכערע פֿיס,
און אַנשטאָט אויף רויב צו גיין,
ער וואַלגערט זיך פֿאַרשלאָפֿט
און וואַרט אויף שטיקלעך פֿלייש
וואָס בלייַבן ניט דערגריזשעט פֿון די יונגע...

קרעכצט דער אַלטער וואָלף
ווי אַ פֿאַרטריבענע אָנצייַנערדיקע צווײַג,
טענהט אין פֿאַרפֿרוירענעם פֿאַרשנייטן קוסט אַרייַן:
„אָט אַ צייַט, אַ צייַטעלע געקומען!".

קוקן וועלפֿעלעך אויף אָקערשט־זיך־געלייגטן שניי,
בליצן מיט די פֿינקלדיקע מילכציינדלעך
און שטיפֿן...

קרעכצט דער אַלטער וואָלף
אָן מינדסטן פּיצל רויבער־ווערדע,
שטשירעט זייַנע חולשהדיקע יאַסלעס פּיאַלעטע,
טוט אַ פֿאַלדעווע אַהין־אַהער זייַן פֿעל
וואָס איז פֿון אַלטקייט אָפּגעשטאַנען פֿון זייַן רוקן,
טענהט אין די הוילע קוסט־ריטלעך אַרייַן:
„אָט אַ צייַט אַ מיאוסע, אַ הינטישע, אַ וויסטע!
שלאַבעריק איז אונדזער אויסגעלויבטע דרייסטקייט,
דורכגעגריזשעט — אונדזער סטייַע־אַחדות,
פֿרעמדע פֿייַערלעך — אין יעדער איינעמס אויגן.
קאַליע זייַנען מיר געוואָרן, קאַליע.

אײן װאָלף פֿאַרן צװײטן איז אַ מענטש!"...

קוקן װעלפֿעלער אױף אָקערשט־זיך־געלײגטן שנײ
און שטיפֿן.
און דער טאַטע־װאָלף
זאָגט צו דער װאָלפֿיכע דער מאַמען:
„אָט אַן אַלטער אומװאָלף,
רק ס'געפֿעלט אים ניט.
אױף דעם שנײ זעט ער אַװדאי שװאַרץ"...

װילנע, פֿעברואַר 1971

די שפּין

רויִקער פֿאַרנאַכט.
ליגט די שפּין, איר גרוי געוועב באַטראַכט:
„קינצלער! ממש גרויסאַרטיק געמאַכט!...
ניין, איך ניט דערשאַץ גאָר, ווער אַזאַ איך בין!
קען דען זײַן נאָך פֿעיִקער און גוטהאַרציקער פֿון אַ שפּין?
אַלע גאָטס באַשעפֿענישן ווייסן נאָר אַכזריותדיק צו זײַן.
איך פֿאַרצוק ניט, שלינג ניט אײַן,
און ווען ס'פּאַלט אַ פליג, וואָס איז באַשערט מיר, אין מײַן נעץ אַרײַן,
פֿרעס איך זי ניט אויף, חלילה, און איר לײַב
גאַנץ — מיט אַלע גלידער זײַנע — אינעם שפּינוועבס בלײַבט!
אַ, צו גוטהאַרציק בין איך — צו גוט! צו גוט! —
איך באַנוגן זיך דאָך מיט אַ בלויזן אויסזייגן דאָס בלוט".

רויִקער פֿאַרנאַכט.
שפּין די וועלט און זיך באַטראַכט.
נידערטרעכטיקייט איז נאָך ניט ביזן סוף דערטראַכט...

ווילנע, אַפּריל 1970

דאָס גוטע שפּערעלע

ווינטיק, רעגנדיק און קאַלט.
מער ניטאָ די פלינקע שוואַלב.
אַ פאַרשפּאַרטע זיצט די טויב.
נאָר די קראָ איז דאָ געבליבן...

גרוי דער טאָג — אַזוי ווי איך,
הייס איז נאָר דאָס מיסט פון פערד.
וואַרעם איך זיך אָן אין דעם
און פאַרפלי אונטער אַן אָפּדאַך...

בלאָז איך אָן זיך, זיץ און קוק.
זע איך: אויפן הויף די קראָ
פּיקט אַן אויג ביים טויטן הונט.
וויי, מיט וועמען כ׳בין פאַרבליבן...

ביידע מיר — באַפליגלטע,
ביידע מיר — באַשנאָבלטע,
אַזוי שרעקלעך ענלעכע...
זאָל זשע כאָטש מיין גאַנג זיין אַנדערש:

שפּרונג, שפּרונג אויף האַרטער ערד,
שפּרונג אויף געל, פאַרוויאַנעט גראָז,
שפּרונג אין עלנט און אין ווינט,
שפּרונג מיט ביידע פיס אין איינעם!..

ווילנע, יולי 1963

די קלוגע סאָווע...

זיצט אַקעגן זון אַ סאָווע און זי טראַכט:
ווען עס וואָלטן אַלע פֿייגל פֿון דער וועלט
מיט אַ מאָל אַ הייב טאָן זיך און נעמען פֿליִען,
וואָלטן בלייַבן ליידיק נעסטן,
וואָלטן אייער בלייַבן ניט־דערבריטע —
אומקומען עס וואָלט דער פֿייגל־מין...

ס'איז דעריבער גוט
וואָס אַלע פֿליִען ניט אין איינעם,
גוט וואָס ס'זייַנען נאַכטפֿייגל
און טאָגפֿייגל פֿאַראַנען,
גוט וואָס די באַפֿליגלטע
אָפֿט פֿוילן זיך צו פֿליִען,
גוט וואָס מען פֿון צייַט־צו־צייַט איז בלינד...

ווילנע, פעברואַר 1964

די וואָראָנע

זיצט זיך אַ וואָראָנע קעגן קוימען;
שפּאַרט פון קוימען אַ געדיכטער רויך.
קוקט זי, ווערט ניט מיד צו שטוינען
ווי איר שוואַרצקייט ציט זיך צו דער הויך...

„סאַ־זשע! סאַ־זשע! סאַ־זשע! סאַ־זשע!"
שרייַט זי איר באַגער אַרויס דער וועלט,
קוקנדיק מיט שאָדנפרייד און עזות
ווי די פייַערדיקע זון זיך פּעלט...

„שוואַרץ וועט ווערן אַלץ, ווי איך — וואָראָנע,
שקיעה־שטראַלן לעשן זיך אויס גיך" —
חלומט אויף אַ ווערבעבוים אַ לאָמען
אַ צופרידענער, אַ שוואַרצער איך...

ווילנע, סעפטעמבער 1962

די קוקאַווקע

אויפֿגעכאַפּט האָט די קוקאַווקע זיך ביַי נאַכט
ווי ס׳וואָלט עמעץ זי געוואָרגן.
ניין, עס איז קיין מאַרדער ניט
(ניט זיַין זאָל ער געדאַכט!),
ס׳ווערגן זי אַזוי די קלאַנגען פֿון אַ פֿויגל־גאָרגל:

„שלאָגט! צעשלאָגט!
צעשלאָגט! צעשלאָגט
יענעמס־יאָרן־ציילערין
די אומפֿאַרשעמטע!

יאָגט! פֿאַריאָגט!
פֿאַריאָגט! פֿאַריאָגט
די וואָס אייער לייגט
אין נעסטן פֿרעמדע!"

ווערט זיך די קוקאַווקע פֿון געזאַנג,
טריַיבט פֿון זיך עס ווי די מורא פֿאַרן מאַרדער,
און וואָס שטאַרקער, עסיקער עס טוט זי באַנג,
ווערט איר האָס צום זינגער אייַנגעשפּאַרטער:

„אָ, צעלאָזן נאַכטיק סאָלאָוויי־געמיט,
ניט פֿאַרשעם די פֿרילינגדיקע קנאָספּן!
ווער דאַרף דיַין צעשערבלט שווינדלליד?
ליד מוז זיַין געטעסעט און געמאָסטן:

,קו־קו', ,קו־קו' — איך דערקוויק,
,קו־קו', קו־קו' — איך אַנטציק.
עכט געזאַנג
האָט אַזאַ קלאַנג
ווי דעם פּיקהאָלצס ווערעם־פּיק!"...

ווילנע, נאָוועמבער 1970

דער פּאָפּוגײַ

מײַנע פֿעדערן — ווי בליצן
אינעם קאַמערס בין־השמשות.
קרום מײַן שנאָבל, און די נעגל —
ווי בײַם באַרג־אָדלער פֿאַרדרייט.

„אָ, אַ גאַסט...
קומט, קומט אַרײַן!"

איך בין גרינער פֿונעם מײַגראַז,
פֿײַערדיקער פֿון פּיאָנעז,
געלער נאָך פֿון דער ראָמאַשקע,
בלויער פֿון דער קאָרנבלום.

„אָנגעזעצט זיך, אָנגעזעצט זיך
וויסטע פֿרעסערס אויף מײַן קאָפּ!"

מיט פֿאַרקלעמטעדיקע פֿינגער
טאָפּע אום איך אויפֿן דרענגל,
און ס'נעמט אויס בײַ זיי מײַן פּלוישן
מער ווי מײַן קאָליריקייט...

„מיר זאָל זײַן פֿאַר דײַנע אויגן,
פֿאַר דײַן צניעותדיקן חן!"

אַזוי גייך זיי זיך פֿאַרלירן —
לאַכן, וויינען און פֿאַרגעסן...
ווײ, די גרויע זײַנען פֿרײַע,
און די פֿאַרביקע — אין שטײַג!

„פּאָפּל קונדס! פּאָפּל קונדס! —
קלוג, דאָך פּלאַפּלט ווי אַ מענטש!"...

ווילנע, יאַנואַר 1968

פּאָעמעס

חבֿלי־גאולה

איך האָב באַגעגנט היינט משיחן אין גאַס,
דאָך איידער איך געכאַפּט האָב זיך אים אָפּצושטעלן,
איז ער געווען פֿאַרשוווּנדן שוין אינעם געזעמל...

דאָס ווײַסע אייזעלע איז קראַנק פֿון וואַרטן.
עס הערט אַיעדע ווײַל
ווי עמעצער טוט שמייכלענדיק אַ זאָג:
„אויף דעם מסתּמא קומען וועט משיח״...
עס פֿילט: ס׳איז שפּאָט,
און דאָך שטעלט אָן עס לאַנגע אויערן
און הערט דערין דעם אמת —
„געוויס אויף מיר! געוויס!
אַניט, פֿאַר וואָס בין איך געבוירן ווײַס, ניט גרוי,
און יעדער וואָס מיך זעט, משיחן דערמאָנט?״...

דאָס ווײַסע אייזעלע לאָזט נידעריק אַראָפּ דעם קאָפּ.
דאָס ווײַסע אייזעלע איז קראַנק פֿון וואַרטן...

*

איך האָב באַגעגנט היינט משיחן אין גאַס,
נאָר איידער איך געכאַפּט האָב זיך אים אָפּצושטעלן,
איז ער שוין ניט געווען...
„מנחם!״ האָב גערופֿן איך,
„מנחם!״ — הויך אַרײַנגעשריִען אין געזעמל,
דאָך יעדערער, וואָס האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר,
פֿאַרחידושט צוגעלייגט זײַן האַנט האָט צו דער ברוסט:
„איר מיינט עס מיך?״
און מיטן שאָקלען פֿונעם קאָפּ געגעבן צו פֿאַרשטיין: „אַ טעות!״

איך האָב באַגעגנט און פֿאַרלוירן היינט משיחן אין גאַס.
ווי האָב איך עס געוווּסט אַז ער מנחם הייסט?
און ווי זשע שיקט זיך עס,
וואָס כאָטש כ'האָב אים געזען געננוי,
כ'געדענק ניט מער זיין אויסזען?..

פֿאַרלוירן האָב איך היינט משיחן אין גאַס,
און אין דער רגע ווען פֿאַרשווּנדן ער איז אין געזעמל,
האָט אין דער הייך דאָס אייגענע געטאָן
אַ וואָלקנדל אַ ראָזס וואָס האָט געהאַט פּונקט זיין געשטאַלט,
און איז אַריין — פֿאַרשווּנדן — אין דער כמאַרע...

*

כ'ווייס, פֿאַרבאָרגענער מנחם,
איידער נאָך ס'האָט גאָט די וועלט באַשאַפֿן,
האָט ער שוין פֿאַרגרייט דיין נאָמען.
שוועבט דיין נאָמען אום פֿאַרלוירן —
אַ נשמה ערטילאית
וואָס קיין גוף קען ניט געפֿינען,
און ער קלינגט אין חלל עלנט
ווי ישעיהס „נחמו"...

ווייס, מנחם, דיין ניט-קומען
ברענגט אויף אונדז משיחים פֿאַלשע.
פֿול איז אונדזער האַרץ מיט ליבשאַפֿט
צו ישעיהס גרויסן צוזאָג,
צווינגסטו אונדז פֿאַרייאושט וואַרטן
און דערפֿירסט, מיר זאָלן נאָכגיין
אַלערהאַנטיקע געננאַרערס.

*

טאָג־טעגלעך נעמען איַין מיר בענקשאַפֿט ווי רפֿואות,
און זע: זי איז אַ מאָל ווי לאַקרעץ זיס, אַ מאָל — ווי ווערמוט ביטער.
ווו גאָט און מענטש געקניפּט זיַינען דורך נסים און ישועות,
מוז איַינגעפֿינען זיך אַ צווישנדיקער דריטער.

אַ מאָל איז עס דער פֿלאַקערגיַיסט — דער שטראָפֿנדיקער נבֿיא,
אַ מאָל — דער קאַלטער זיכזעער, דער צווינגענדיקער פֿירער,
און מיר, אין שטענדיק־מוזן־אָנקומען־צו־עמעצן געקאָוועט,
ניט שעמען זיך צו טראָגן דעם הכנעה־שם: „מאַרטירער".

דו ביסט, מנחם, אונדזער אויסלייזער — פֿון פּיַין און אומרעכט דער באַפֿריַיער,
און מיר זיַינען די קראַנקע שאָף וואָס וואַרטן, דו זאָלסט קומען היילן.
סע בושעוועט אין אונדז פֿון אומגעדולד דאָס פֿיַיער,
מיר האָבן מער קיין כּוח ניט די וואַרט־יאָרן צו ציילן.

פֿאַראַן וואָס גלייבן ניט אין דיר און זאָגן, ביסט אַן אויסגעטראַכטער,
און אַ שגעון איז זיך איַינצורײדן אַז וועסט קומען.
פֿאַראַן ווידער וואָס טענהן: ביסט פֿון צידקות אַ פֿאַרשמאַכטער,
און חולשה האָט מיט שטיַיפֿע רייפֿן דיך אַרומגענומען.

*

מיר האָבן אויסגעדינט שוין אַלע געטער
און אַלע גלויבנס לעסטערן באַוויזן.
און נאָך דעם אַלעמען מיר נייטיקן זיך אין אַ רעטער
וואָס קומען זאָל אונדז היילן די נשמה־ריסן.

מיר זײַנען עלנטע פֿאַרוואָרלאָזטע יתומים,
וואָס האָבן מער קײן לוסט ניט זיך צו שפּילן.
אונדז קען ניט נאַרן מער די פּאַטעקע פֿון טרוימען,
און אונדזער ווילן איז פֿאַרשטעלטער ווידערווילן.

ווּ ביסטו, רעטער, זאָג?! וואָס הײַעסטו? ווּ ביסטו?
עס נעמט שוין אויסזען, אַז דו ווילסט צו אונדז ניט קומען,
אַז אין די טויערן פֿון רוים דו זיצסט אומיסטן,
און דײַנע וווּנדן אויף די פֿיס דיר גאָר באַקומען....

*

יאָ, מנחם,
דיר — פֿאַרליטענעם,
אונדז — לײַדערס
איז באַשערט אַ שותּפֿות־גורל.
גאולה האַלט ניט פֿון זיך אײַלן,
זי האָט ליב: זײַן ווונטש און חלום,
און אַ חלום וואָס צו לאַנג איז
ווערט מגולגל אין קאָשמאַר.

*

צי קען ניט גאָט, מנחם, אַנשטאָט דיר אַ מלאך שיקן?
צי קען געמאָלט זײַן, ס'זאָל אַ מענטש דער וועלט די גאולה ברענגען?
און ווּ זײַנען די שׂרפֿים, די אֶראֶלים, ווּ מטטרון?..

איז וואָס פֿון דעם, וואָס ס'איז דײַן קאָפּ געזאַלבט,
אויב פֿיס זײַנען אין בלאָטערס,
און אין די טויערן פֿון רוים דו זיצסט
און בינדסט די וווּנדן איבער?

ווי קענסטו זיצן דאָרט, דורך וואָנעט ס׳האָט דער רשע טיטוס
געטריבן גולי־ציון אין די שטײַגן צו די לייבן?
ווי קען אַזאַ וואָס ברענגען דאַרף דער וועלט דעם אור־הגנוז,
זײַן אַזוי נעבעכדיק, אַזוי הכנעהדיק פֿאַרליטן?
ווי לאַנג? ווי לאַנג נאָך קען געדויערן אַזוינס, מנחם?
געדולד מוז עקן זיך (ניט בלויז נאָר אונדזערע — אויך ד ײַ נ ע)!

*

אַוודאי זײַנען מיר ניט די וואָס זײַנען ווערט צו זײַן דער דור־הגאולה!
מיר האָבן ניט קיין פֿליגל אויפֿצוהייבן זיך צו כּולו זכּאַי,
עס פֿעלט אונדז רישעות־בלײַ אַראָפּצוזינקען ביז צו כּולו חייבֿ.
מיר צאַפּלען זיך ווי פֿיש אַרויסגעצויגענע פֿון וואַסער,
און נעך וואָס איז פֿון מעשׂים — גוטס און בייזס געפּלאָכטן.

צי דען? צי דען ביסטו, מנחם, ווי די כּופֿרים טענהן: אויסגעדימיונט?
עס האָבן דאָך פֿאַרויסגעזאָגט דײַן קומען די נבֿיאים.
ניין, ביסט פֿאַראַן! מיר ווייסן, ביסט פֿאַראַן,
און ס׳איז צוויי טויזנט יאָר דײַן עלטער.
צוויי טויזנט יאָר — זינט דײַן געבורט, און ביסט אַ יונגער —
משיח עלטערט זיך ניט, ס׳איז די צײַט אויף אים ניט שולט,
און ווײַל ער ענדערט זיך ניט, קען ער וואַרטן.
ע ר קען! דאָך מ י ר וואָס זאָלן טאָן?
מ י ר, וואָס די צײַט אונדז גריזשעט און פֿאַרצוקט אונדז?

*

עס וואַרט די וועלט, אַז אויפֿגיין זאָל די שײַן פֿון אור־הגנוז,
און ס׳בלײַבט פֿאַרשעמט איר וואַרטן פֿונעם ניט־מקוים ווערן.
די שײַן פֿון פּראָמעטעוס־פֿײַער איז דאָך נאָר אַן אור־הגנובֿ,
און מיר אַזאַ, וואָס ערלעך און דערהויבן איז, באַגערן.

דו ביסט, מנחם, דאָך געוויס געטוקט אין שכינה,
אַניט ווי וואָלטסטו זײַן אָט דער וואָס דאַרף די גאולה ברענגען?
און ווײַל דער שם דאָס חשיבֿות פֿון דײַן שליחות האָט אין זינען
מוז ער געוויס דאָך דיר זײַן ווילגענייגטקייט שענקען.

איז וואָס זשע פֿאַלסטו ניט אויף דײַן געזיכט און שרײַסט ניט אויס: „עד מתי? —
איך קען ניט, האַר פֿון האַרץ, צוזען מער דעם צער פֿון די וואָס וואַרטן.
אויב מײַן וווּהין צו גיין איז קלאָר ווי מײַן מאַין באָת,
וואָס האַלטסטו מיך עס אין אַן אינה־ניראה־תּפֿיסה אַ פֿאַרשפּאַרטן?"

*

און אפֿשר מוז גאָר, מוז גאָר אַזוי זײַן? —
משיח דאַרף ניט קומען, משיח טאָר ניט קומען,
מע קען דעם מענטש ניט איבערלאָזן אָן זײַן טרוים!
— — —
דער שער־הרחמים ווי פֿריִער איז פֿאַרמויערט.
דאָס ווײַסע אייזעלע לאָזט טיפֿער נאָך אַראָפּ זײַן קאָפּ...

יפֿו, אָקטאָבער 1977

הערָאסטראַטאָס

אינעם טעמפּל פֿון אַרטעמיס אין עפֿעסאָס
ענדיקט דעמערונג דעם גינגאָלדגלאַנץ פֿאַרוויסטן.
אין די טיפֿע אויגנלעכער פֿון דער מידער געטין
צאַנקען די לילאָווע אַמעטיסטן,

און אַ שפּין, וואָס ווייסט ניט וואָס הייסט שעצן קדושה,
וועבט — נאָך גיריקער ווי אַנדערש ווו — אַ נעץ פֿאַר פֿליגן.
אין אַ היכל קומען פֿליגן טאַקע זעלטן,
אָבער דווקא דאָרט איז נאָגן בלוט מער פֿאַרגעניגן.

אינעם וווּנדערשיינעם מיקדש פֿון עפֿעסאָס
קומט אַ נאַכט וואָס קען די לעצטע ווערן.
אויף פֿאַר הייליקטימער גילט באַשערטקייט,
אויף די געטער קענען קעגן גורל זיך ניט ווערן...

*

אין עפֿעסאָס, אין עפֿעסאָס
אין אַ שמאָל און רויִק געסל
ווײַט פֿון דעם אַרטעמיס־היכל
לעבט אַ שטילער מאַן אַ בלייכער —
הערָאסטראַטאָס.

ניט פֿון הימלישע טיטאַנען,
ניט פֿון געטלער־שיינע פֿרויען —
ס'שטאַמט פֿון פּראָסטע טאַטע־מאַמע
מיט די נעמען סאַמע גרויע
הערָאסטראַטאָס.

סײַ ווען טאָג איז לויטער זונשײַן,
סײַ ווען נאַכט פֿאַרלירט רק שטערן,
האָט איין פֿײַערדיקן ווונטש נאָר —
איין ניט אויפֿהעריק באַגערן
העראָסטראַטאָס.

הונדערט מאָל געפּרוווט זיך צווינגען,
מיט זײַן האַרצפֿאַרלאַנג זיך דינגען,
דאָך עס מינערט ניט זײַן לײַדן —
ס׳קען זײַן לעבצעניש ניט מײַדן
העראָסטראַטאָס, העראָסטראַטאָס.

*

אָ, געטין אַרטעמיס, דײַן טעמפּל איז פּרעכטיק —
אין העלן עפֿעסאָס אַ וווּנדער־געבײַ!
ער שטייט דאָ שוין יאָרן באַרימט אין עלאַדע
און פּלעפֿט יעדן איינעם וואָס גייט אים פֿאַרבײַ.

די געטין פֿון חיות, געיעג און לבֿנה,
די מלכּה, וואָס צניעות פֿון בתולות באַשיצט,
איז ווערט אַזאַ פּאַלאַץ פֿון ליכטיקסטן מירמל,
מיט ווענט ווי דער לויטערסטער פּערלשטיין בליצט.

זי שטייט אין אַ קורצער גערונצלטער טוניק,
אַ פֿײַלנטאַש האַלט זי פֿאַרפּרעסט אין איר האַנט
די צווייטע האַנט רוט אויפֿן קאָפּ פֿון אַ הירשל
(אַ צאַרטהאַרציק רירנדיק שטיין זאַלבענאַנד!).

אַרום — שווערע זײַלן, געוועלבן באַצירטע
מיט פֿײַער־גראַנאַטן און גילדענע קנעפּ.

עס בלינצלט און שימערט עס מיניעט זיך, פֿינקלט,
עס גלאַנצן ווי שפּיגלען די זילבערנע טרעפּ.

ס'איז שיין און געראַם דער עפּעסאָסער טעמפּל.
ניטאָ אויף דער ערד איז אין ערגעץ אַ לאַנד
ווו ס'זאָל ניט דער קלאַנג וועגן פּראַכט זײַנער גרייכן
זײַן בלענדיק עשירות ניט זײַן זאָל באַקאַנט...

*

עס בליִען די מאַנדלען,
עס פֿאַלן די שטערן,
סע שײַט זיך דער צוויט.
עס גייט העראָסטראַטאָס
מיט זײַטיקע געסלער:
צעטראָגן — דער קאָפּ
און — געבראָכן די טריט.

די גאַנצע שטאָט מענטשן
זיך קוויקט מיטן פֿרילינג,
אין אויגן — דער גלאַנץ
פֿון עגעיִשן ים.
נאָר ער, העראָסטראַטאָס,
גייט אום, ווי פֿאַרלאָשן,
און קוילערט געדאַנקען
געוויקטע אין סם...

אַ פּשוטער מענטש,
אַ פֿאַרגרויטער עלאַדער
וואָס שיידט זיך ניט אונטער
פֿון די וואָס אַרום,
האָט פּלוצעם דערפֿילט,

אים אַ גלוסטעניש מאַטערט —
עס מאַכט אים משוגע
דאָס לעבצן נאָך רום...

*

„זאָג מיר, לעבן, וואָס ביסטו?
נאָר אַ זוכן פּעטע ביסנס?
נאָר אַ מורא פֿאַרן טויט
און אַ נאַריש זײַן פֿאַרריסן?

ס'איז באַליידיקנדיק קנאַפּ!
ס'האַרץ ווערט הייזעריק פֿון מאָנען
ס'זאָל מײַן לעבן זײַן באַלוינט
מיט אַ לויכטנדיקן נאָמען.

גרויסער צעוס, איך פֿאַראַכט
דײַנע ווערטיקסטע געשאַנקען,
אויב דו גלײַכגילטיק דערלאָזסט,
כ'זאָל אַ ניט־באַמערקטער צאַנקען.

סאַמע שטאַרצנדיקסטע בערג,
סאַמע סטראַשענדיקסטע תּהומען
שרעקן מיך ניט אַזוי שטאַרק
ווי די גרויקייט פֿון מײַן נאָמען!!"

*

אויפֿן פֿישמאַרק ליגט אַ גרויסער אויסגעשטאָפּטער פֿיש,
ס'שמעקט מיט ווינט, מיט ים־וואַסער, מיט רויע שופּן.
העראָסטראַטאָס — אַ מבֿולבלער, פֿאַרמוחט, ווי צעמישט —
פֿילט ניט אַז די גראָבע הענדלערקעס אים שטופּן.

פֿון באַגינען שלעפּט ער אום זיך אויפֿן ים־זאַלציקן מאַרק.
איז אים דען אַ חילוק ווו ער וועט אַרומגיין,
אַז אַ צוטשעפּעניש האָט זיך איינגעגעסן אין זיין מאַרך,
און ער טיפֿער אַלץ אין מרה־שחורה ווערט פֿאַרזונקען?

פֿלוספֿעדערן, זשאַברעס, פּענכערלעך און הערינגקעפּ.
גליטש פֿון אונטער פֿיס צעקוועטשטע רויגן.
פּאַרע שפּאַרט פֿון זידנדיקע פּישויכטעפּ.
הערשטראַטאָס — מיטן בלאַסק פֿון גרייט־אויף־אַלץ־זיין אין די אויגן...

*

„פֿאַר וואָס זעט היינט אויס די לבֿנה
ווי עמעצער וואָלט זי געשאָבטן,
און ס'פּאַדען אום בלייכע די וואָלקנס
ווי ס'וואָלט זיי אַ שרעקבילד געפּייניקט?
איך ווייס ניט, וואָס הערט איצט מיין אויער —
צי איז דאָס אַ זשומען פֿון מוקן,
צי ס'דלאָטעווועט מיר אין די שלייפֿן
דאָס בלוט וואָס זיין רו האָט פֿאַרלוירן?

אָט הער איך, עס קרייען די הענער.
זיי ווייסן די צייט און דעם וועטער,
זיי שפּאַנען אום שטאָלץ און צופֿרידן,
דאָך ס'לאָקערט אויף זיי שוין דאָס מעסער.
אַ דינע, אַ רוצחישע בלאַנקשאַפּט
וועט דורכטראָגן זיך דורכן גאָרגל,
פֿאַרקרייען עס וועט זיך דאָס קרייען,
און — אויס מיט דער הענערשער גאווה...
אַוודאי איז לאַנג שוין באַוווּסט מיר
אַז אַלץ וואָס באַלוינט איז מיט לעבן.

גענענט טראַט נאָך טראַט צו זײַן אומקום,
אַז דאָס וואָס געהאַט האָט אַן אָנהייב,
מוז ווען ניט איז האָבן אַן אויסלאָז,
און דאָך בלײַבט עס פֿרעמד פֿאַר מײַן זינען!
איך קען ניט מײַן לעבן באַנעמען,
ווי עפּעס וואָס איז בלויז אַ צופֿאַל.
איך אָננעמען וויל פֿאַר אַ צופֿאַל
די סיבה וואָס קומט מיר פֿאַרלענדן.

איך בין פֿון צוויי מענטשן געבוירן,
איך בין אין אַ וויגל געשלאָפֿן.
אַ וויג איז ניט בלויז אַ געלעגער,
זי איז אויך די שפּרינגברעט צו גדולה,
און דער וואָס אַן אויפֿהער אַרויף שטײַגט,
האָט רעכט וועלן ווערן אַ גאָטהייט.
נאָר אויב ס׳איז אַזוינס ניט באַשערט מיר,
אויב אויך אין די געטער ברויזט קינאה
און עס איז זיי פֿרעמד צו פֿאַרלײַדן
אַז עמעץ, ווי זיי, זאָל זײַן אייביק,
אויב כ׳מוז מיט מײַן אָטעם זיך שיידן,
אויב כ׳מוז פֿון מײַן לײַב זיך אַנטווינען,
און דאָס, וואָס הייסט מענטש, מוז פֿאַרשווינדן,
טאָ זאָל כאָטש מײַן נאָמען פֿאַרבלײַבן —
זאָל קלינגען, זאָל שאַלן, זאָל הילכן
און קיין מאָל ניט ווערן פֿאַרגעסן
מײַן נאָמען!
מײַן נאָמען!
מײַן נאָמען!

פֿאַר וואָס, צעוס, בין איך באַעוולט?
אַפֿילו מײַן פֿאָטערשאַפֿט נאַרט מיר:

אַנשטאָט מיך צום אייביק־זײַן פֿירן,
עס העלפֿט גאָר מײַן קינד מיך פֿאַרגעסן...
ווײַל וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט מײַן נאָכקום?
מײַן זון אויף אַ העלפֿט בלויז איז מײַנער,
און זײַן קינד — אַ העלפֿט פֿון אַ העלפֿט איז.
מײַן איך ווערט כּסדר געמינערט —
וואָס ווײַטער, אַלץ מער ער ווערט אויס זיך,
ביז אויסגיין ער וועט אין די דורות...
מײַן איינציקער — אמתער יורש
איז ע ר נאָר, איז ע ר נאָר — מײַן נאָמען!
אַ נאָמען! אַ נאָמען! אַ נאָמען!
מעג זײַן ער אַפֿילו אַ שוואַרצער,
אַבי נאָר ניט ווערן פֿאַרגעסן!..

אַ נאַכט, גרויסע צײַט פֿון מײַן אויפֿשטײַג,
דערלויב זשע מיר, מאַמעניו שוואַרצע,
מײַן ביז הײַנט נאָך נישטיקער נאָמען
זאָל ווערן אַ שטערן וואָס גלימצערט
אויף אייביקייטס אומקלאָרן הימל!
נאָך הײַנטיקע נאַכט מוז געשען עס.
נאָך פֿאַר ס'וועט דער מיזרח זיך רייטלען
מוז ווערן באַשאַפֿן מײַן גרויסקייט.
ס'מעג ווערן געלעסטערט אַ געטין,
ווען ס'גייט אין דער גדולה פֿון מענטשן.
דער פּרעכטיקסטער טעמפּל מעג ברענען,
ס'זאָל ווערן באַרימט העראָסטראַטאָס!

אַ גרויסלײַדער, האַר פּראָמעטעוס,
באָרג אויס מיר דײַן הייליקע גנבֿה,
זי גיין זאָל פֿאַר מיר אין אַ שליחות;

דער שלאָג פֿון אַ קיזל אויף קיזל
זאָל אויסהאַקן פֿונקיקן אָנהייב
פֿון וועלכן ס'וועט אויפֿגיין די שׂריפֿה
וואָס פֿירן מײַן רום וועט דורך דורות...

אַ דאַנק דיר! אַ דאַנק, האַר פֿון פֿלאַקער!
עס כוואַליעט זיך, שלענגלט זיך, וואַרפֿט זיך,
געוועלטיקט, פֿאַרגוואַלדיקט, מאַכט חרוב
דײַן פֿלײַקע רויטע מתּנה — — —
— — — — — — — — — — — —
ס'ווערט אייביק,
ס'ווערט אייביק
מײַן נאָמען!!".

ווילנע, 26 יוני — 28 יולי 1967

נקמה

— — — און זי איז געזעסן, געזעסן, געזעסן.
עס האָבן געצויגן זיך לאַנגע מעת־לעתן,

עס האָבן די אויגן זיך שליסן פֿאַרגעסן,
און זי איז געזעסן, געזעסן, געזעסן — —
— — — — — — — — — — — — —

דער צימער איז אַלץ נאָך, ווי דעמאָלט, צעריִעט.
עס האָבן דריַי טעג שוין געטאָגט און פֿאַרשקיעהט.

פֿאַרמאָרעטע זיַינען געקראָכן די שעהען
געבייַטשטע פֿון נאַציִשן האַס און שגעון,

און זי זיצט פֿאַרשטאַרט — ווי אַ קאָרטש אומבאַוועגלער.
עס ציט דורך די שלייפֿן דער ווי זיַינע זעגלער

און זעגט אָן אַן אויפֿהער, און שניַידט אָן רחמנות,
און רייַסט ווי מיט שנאָבלען פֿון דולע וואָראָנעס...

זי זעט אויפֿן דיל ליגט אין בלוט אַ פּאָר תּפֿילין,
אַ שפּין לויפֿט צום בלוט צו דעם דאָרשט זיַינעם שטילן.

דאָס בלוט איז פֿאַרגליווערט, און זי קען ניט שריַיען,
זי קען ניט די ליפּן פֿון אָנמאַכט באַפֿרייַען.

זי רייַסט אָפּ די בליקן. אין פֿענצטער די שקיעה
טיילט אויס יעדן צוויַיג פֿון דער יאָדלע — דער תּליה,

ווי ס׳וויגן זיך אום די פֿאַרשטאַרטע געשטאַלטן —
אַ טאָכטער, צוויי זין; זי פּרוווט ווידער באַהאַלטן

די בליקן אין הענט, פֿונעם פֿענצטער פֿאַרשטעלן.
ס׳וועט אפֿשר אַ רגע זי אויפֿהערן קוועלן.

ס׳איז אָבער אומזיסט! ס׳איז ניט גרינגער געוואָרן,
אויב ס׳זעען ניט אויגן, איז זעט דער זכּרון.

פֿון אים איז ניט מעגלעך זיך אויסצובאַהאַלטן,
די גרעבסטע מחיצה וועט אים ניט פֿאַרהאַלטן...

און ס׳רוקן די פֿינגער זיך אָפּ פֿון די ווײַעס:
שוין גלײַכער צו זען מיט די אויגן די תּליות...

זי זיצט אַ פֿאַרשטאָקטע, און איטלעכע ווײַלע
סע שׂרפֿעט דעם זינען די ברײַזקע שאלה:

„ווו נעמט זיך נאָך כּוח אַזוי פֿיל צו קלערן?
צוויי טעג שוין פֿאַרבײַ זינט עס פֿעלן מיר טרערן,

און איצטער דער דריטער טאָג נעמט שוין זיך עקן.
ביז וואַנעט נאָך וועלן געדאַנקען מיר קלעקן?

פֿאַר וואָס האָסטו, גאָט, מיך באַשטראָפֿט, איך זאָל פֿילן
די שטער פֿון אַ ווייטיק וואָס איז ניט צו שטילן,

דעם ברען פֿון געדאַנקען וואָס ווערן פֿאַרלאָשן
אין צײַטן ווען טרייסט האָט פֿאַרלאָרן איר לשון?"

עס טענהט די אַלטע און פֿילט, אַז אַרום איר
ווערט ענגער און ענגער די פּעטליע פֿון שלומער —

געדאַנק ווערט פֿאַרמלאָסנעט אַזוי ווי די גלידער,
און אויג פֿון זכּרון דערזעט אַלצדינג ווידער:

אַ טאָג, אַ געטוקטער אין בלוט פֿון זײַן שקיעה,
פֿאַרלירט לעצטן שאַרלער אין תּהום פֿון פֿאַרגלײַען.

אין צימער — פֿון רגע צו רגע מער שאָטנס,
דער טאָג ווערט מיט שופֿלען אַבֿלות פֿאַרשאָטן.

אַרום איר — די קינדער, דאָך ס'ווייעט אַן עלנט,
זי האָט אַ געפֿיל אַז געשרייען איר פֿעלן...

סע סטראַשעט דאָס האַרטע פֿאַרעקשנטע שטומען,
סע שפּירט יעדער חוש אַז אַן אומגליק מוז קומען.

און זי האָט דאָך לאַנג שוין די קינדער באַפֿוילן,
זיי זאָלן דעם אמת פֿון איר ניט פֿאַרהוילן.

איז גוזר זי איצט מיטן גזר פֿון אַ מאַמען,
זיי זאָלן מיט שווײַגן איר האַרץ ניט פֿאַרסמען.

נאָר ס'שווײַגן די זין, גלײַך זיי וואָלטן ניט הערן;
עס טרייסט זי די טאָכטער מיט קושן איר שטערן...

און ס'שווינדלט אַ שלאָף איבער גוף אירן קראַנקן,
וויגט אײַן איר דאָס האַרץ און לעשט אויס די געדאַנקען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

דאָך פּלוצעם אַ גרויליק געשריי און אַ שיסן
אויף שטיקלעך דעם שלייער פֿון שלאָף האָט צעריסן,

און זי האָט דערפֿילט זיך ווי נאַקעט — אַ הוילע
אַקעגן אַ וואָר פֿון רציחה און גרוילן:

האַלב־פֿינצטער אין צימער, אַ לעמפּעלע זשיפּעט...
צופֿוסנס בײַ איר שטייט די טאָכטער און כליפּעט

און פּרוּווט זיך אין זיך דאָס געוויין צו פֿאַרשטיקן.
צוויי זין בײַ דעם פֿענצטער — מיט נאַכט אין די בליקן,

נאָר וווּ איז איר בכור — אָט דער שטאָלץ פֿון די ברידער?
ער ליגט אויפֿן דיל אַזאַ אויסטערליש מידער...

אַ מידער?... און וואָס איז דאָס טונקלס דערבײַ אים?
„אָ, קינדער, ס'איז בלוט, עס איז בלוט!" נעמט זי שרײַען.

זי וויל זיך אַ ריס טאָן צום זונעלע אירן,
נאָר ס'האַלט ווי מיט צוואַנגען און לאָזט ניט זיך רירן,

דער קאָפּ אינעם קישן צוריק נעמט פֿאַרזינקען...
און פּלוצעם: אַ קול פֿונעם טונקלסטן ווינקל,

אַ טעמפּס און אַ דינס ווי אַ בראַזגע פֿון בלעכן.
זי פֿילט אין די גלידער די טויטע אַ שטעכן

און ווענדט צו דעם ווינקל די מיד־מאַטע אויגן.
סע שטייען דרײַ גרינע געשטאַלטן געבויגן

מיט גראָב אָנגעדראָלענע גוידער־און־נאַקן
און שטאָפּן אין זעק, און זיי פּאַקן און פּאַקן...

און אָט איז פֿאַרענדיקט! — זיי שלעפּן אַרויס שוין,
ס'בלײַבט אָפֿן די טיר צו אַ גרויליקן דרויסן.

איר בכור ליגט אַ טויטער... די ברידער — פֿאַרשטומטע...
עס כליפּעט די טאָכטער... און זי — אַ פֿאַרמומטע —

זי קען זיך ניט אויפֿהייבן, קען זיך ניט רירן,
זי וועט באַלד די קלאָרקייט פֿון זינען פֿאַרלירן!

ווי גוט וואָלט געווען איר, ווען זי זאָל איצט קענען,
כאָטש פּויזענדיק זאַכט צו דעם טויטן גענענען

און אויסגיין בײַ אים אַ ביז ענד אויסגעוויינטע...
נאָר שרײַ, אַז איר שטים איז שוין אויך אַ געליימטע.

זי פֿילט, ווי איר מויל וואָלט פֿאַרשטאָפּן אַ קישן,
אַ שרעקלעכער ווייטיק דעם זינען נעמט מישן:

עס קען דאָך ניט זײַן אַז דאָס אַלץ זאָל זײַן אמת!
זי זעט אַ געהאַווע פֿון גרינע היענעס:

אויף הינטערשטע לאַפּעס אין קאַמער געקומען,
איר בכור פאַר די פיס, ווי פאַר דישלען גענומען

און שלעפּן, און שלעפּן זיין גוף איבער דילן.
און קולות... וואָס איז דאָס: אַ לאַכן צי בילן?

אין שלונג פון דער טיר, פון דער נאַכט ניט געוואָרן
איז דער, וואָס זי האָט ווי איר ערשטלינג, געבאָרן.

און אָט שוין אין צימער, זיי זיינען דאָ ווידער.
ווהין גייט די טאָכטער געפירט פון די ברידער?

ווי גייען זיי שווערע, די קעפּ איינגעבויגן,
מיט פנימער בלייך אַרום פונקיקע אויגן,

און ס׳שטופן זיי אונטער די חיות די גרינע
ביז ס׳טוט זיי די נאַכט אין איר חושך פאַרשפינען...

אַ שרעקלעכע רויִקע ווײַלע פאַרביי איז,
און ווידער אין צימער אַריין זיינען חיות.

דער בלאָנדסטער ציט אויס זיך ביים פענצטער אַ שטראַמער,
און ס׳עקבערט זיין קול דעם פאַרדומפּענעם קאַמער:

„קוק, מוטערל, קוק וואָס מע וועט דיר דאָ ווייזן,
קוק צו זיך און זע צי די אויגן ניט גרייזן”.

ער שמייכלט אַ פינצטערן שמייכל אַ טעמפּן,
ער שטרעקט אויס די האַנט מיטן קעשענע-לעמפּל

און יעדן געהאַנגענעם טוט ער באַשײַנען:
„ס׳איז אפשר דיין טאָכטער?... די זינדעלער דיינע?”

„באַ-באַ, כי-כי-כי!” פּלייצט אַרויס די הנאה
פון חיהשן גאָרגל, פון אייגעלער בלאָע.

ער טרייסלט זיך אַזש פֿון געלעכטערל זיסן,
נאָר באַלד האַלט ער אָפּ זיך, די ליפּן — פֿאַרביסן:

„און דו, אַלטע זאַו [1], וועסט פֿאַרבלײַבן דאָ זיצן
און קרישלען די ציין מיט צערוגזטן קריצן.

מיר וועלן די הענט אין דײַן בלוט ניט פֿאַרשמירן,
וועסט זיצן און פֿוילן ביז דו וועסט קראַפּירן!!..." [2]

— — — — — — — — — — — — — —

און זי איז געזעסן, געזעסן, געזעסן...
סע זײַנען פֿאַרבײַ שוין דרײַ לאַנגע מעת־לעתן.

ניט טעג און ניט נעכט, נאָר צעצויגענע יאָרן.
איר מאַרך האָט די קראַפֿט צו פֿאַרגעסן פֿאַרלאָרן.

און ווידער ווערט אָוונט, און ווידער קומט מאָנען
מחשבֿות פֿון ווייטיק אַ געלע לבֿנה.

נאָך שטילער פֿון שטיל קומט דער אָוונט דער פֿערטער.
עס דוכט זיך: ניטאָ אויף דער וועלט מער קיין ווערטער.

ניטאָ מער קיין ווערטער וואָס זאָלן נאָך פֿרעגן!
צו לאַנג איז די עוולה אין מוח געלעגן,

צו שטאַרק שוין אין מאַרך אַלע קעמערלעך ברענען,
אַז ס'זאָלן נאָך שאלות באַרויִקן קענען,

אַז ס'זאָל ניט מער זייגן איר בלוט די מחשבה...
בײַם פֿענצטער סע שטאַרצן די צווײַגן יאָדלאָווע

וואָס הענגען ווי לאַפּעס פֿון פֿינצטערע חיות,
באַדעכלען די גרויליק פֿאַרשטאַרטע העוויות —

1. זאַו — חזירטע (דײַטשיש)
2. קראַפּירן — פּגרן (דײַטשיש)

די שווערע, אויף אייביק פֿאַרקילטע גרימאַסן
אין צײַט פֿונעם שרעקלער געהאַסט זײַן און האַסן.

עס דוכנען לאַפּעס און בענטשן דעם אומקום,
נאָר אָט גאָר צעשפּריצן זיך פֿאָספֿאָרנע פֿונקען —

עס נעמט די לבֿנה אַ וואַרע זיך מאַכן;
זי קריכט דורך די פֿינצטערע יאָדלעשע סככן,

פֿאַרגעלט ווי אַ מת וואָס אַרויס איז פֿון צווינטער,
זי רוקט זיך קוים־קוים און פֿאַרקלײַבט זיך אַהינטער

דעם קאָפּ פֿון דער טאָכטער און טיילט אים אויס בולט:
אָט זײַנען די לאָקן, די ווײַעס, דאָס מויל — אָט.

ס׳איז אַלץ אַזוי קלאָר אויפֿן פּאָן דעם געל־בלייכן,
עס דאַכט זיך אַפֿילו, סע ציטערט אַ שמייכל,

אַ שמייכל אַ דינער געווענדט צו דער מאַמען:
„אַ מאַמע, מיר זײַנען דאָך אַלץ נאָך צוזאַמען...

זײַ זיכער, איך היט דיך, ס׳וועט בייז ניט געשען דיר,
וועסט לעבן און לעבן צו להכעיס דעם שענדער.

איך הענג און איך וואַך, ס׳זאָל דיך קיינער ניט רירן.
געהאַנגענע פֿילן, געהאַנגענע שפּירן...״

דער קאָפּ פֿון דער אַלטער וויגט אום זיך אַ מאַטער
און ס׳בעטן זיך ליפּן: „ניט מאַטער, ניט מאַטער!״

נאָר ווער וויל זי הערן און ווער טוט זי פֿרעגן?
זי זעט גאָר, די טאָכטער הייבט אָן זיך באַוועגן —

אַפֿרײַער דער קאָפּ, און דערנאָך — שוין אין גאַנצן,
אַ לײַכטע אַזאַ ווי אַ מאָל בעתן טאַנצן.

אַ טאַנץ אין דער נאַכט, אין דער לופֿט, אין לבֿנה...
די אַלטע פֿאַלט צו מיט די הענט צו דעם פּנים,

און ס'פֿאַלן די פֿינגער אַרויף אויף די בליקן
און דריקן — זיי ווילן אין גאַנצן צעדריקן

די אויגן — אַזוי אַז זיי זאָלן צערינען
און בילדער אַזעלכע שוין מער ניט געפֿינען!..

נאָר אויגן פֿון צוזען אַ גרויל ווערן שטאַרקער,
און כּוח פֿון פֿינגער — אַלץ קנאַפּער און קאַרגער,

איז טוען די פֿינגער זיך אָפּ פֿון די אויגן.
עס האָט שוין לבֿנה העט־העט אָפּגעצויגן,

זי קריכט איצט שוין הינטערן קאָפּ פֿון מיזיניק,
נאָך מערער פּאַמעלער, נאָך מ'ערער אַנזיניק...

און זאַכט, אָבער קלאָר אויפֿן פֿאַן דעם געל־בלייכן
ווערט איטלעכער שטריך פֿון אַ פּנים געצייכנט:

ס'אַנטפּלעקט זיך אַ קאָפּ וואָס געווען איז פֿאַרבאָרגן,
סע זעט זיך אַפֿילו דער קנאָפּ פֿונעם גאָרגל —

אַ פֿינצטערער קנאָפּ וואָס ער שפּיליעט צוזאַמען
די שטריק פֿון דער תּליה און בליק פֿון דער מאַמען.

נאָר אָט שוין פֿאַרשווינדן דער קנאָפּ און דאָס פּנים —
אַ יאָדלעשע לאַפּע פֿאַרשטעלט די לבֿנה.

אַוועק דער קאָשמאַר — ס'איז די תּליה פֿאַרשוווּנדן,
אַוועק אין דער שוואַרצקייט פֿון נאַכטישע שלונדן...

דער אַלטער אין לענשטול איז גרינגער געוואָרן.
דער אַלטער אין לענשטול איז שווערער געוואָרן,

ווײַל ווי איז צו אירע, די מאַמישע, יאָרן
צוזאַמען מיט דעם איז איר זון ניט געוואָרן !...

און ס׳בעט זיך די אַלטע : „אָ, שײַן פֿון לבֿנה,
באַשײַן אויף אַ ווײַל נאָר מײַן זונעלעס פּנים !״

זי וואַרט און זי וואַרט... דאָך די נאַכט ווערט געדיכטער,
ס׳פֿאַרבלײַבן אין חושך די ליבסטע געזיכטער.

אַזוי וועט זי אויסגיין, דעם אָטעם פֿאַרלירן,
ס׳וועט קײנעם ניט אַרן, ס׳וועט קײנעם ניט רירן,

ס׳וועט קײנער ניט קומען און קײנער ניט וויסן
די רגע ווען אָפּגעעקט ס׳האָט זיך איר גסיסה.

זי פֿילט, אַז נאָר הײַנטיקע נאַכט וועט געשען עס,
און קײנער ניט זײַן וועט דערבײַ און ניט זען עס...

עס האָט די לבֿנה שוין אויך זיך באַהאַלטן —
געזשאַלעוועט ווײַזן די ליבסטע געשטאַלטן.

ניט דײַטלער געזען זיי און זיך ניט געזעגנט.
ווי זאָל זי אָן דעם פּונעם לעבן אַוועקגיין ? ?...

אַן אויפֿרײַס פֿון בענקשאַפֿט איר לײַב טוט אַ טרייסל,
אַן אײַזיקער שווייס — אויף איר שטערן דעם הייסן.

„צי וועל איך די שעה פֿון מײַן פּטירה פֿאַרשעמען
און אויסגיין אין רו, קיין נקמה ניט נעמען ?

דרײַ פֿולע מעת-לעתן האָט כּוח געסטײַעט.
עס האָבן די גרוילן ווי קראָיִשע סטײַעס

געדרייט אַרום מיר זיך. מיט נעגל און שנאָבל
געריסן דאָס האַרץ און געשאָבן, געשאָבן.

צי דען איז אומזיסט עס, צי דען וועל איך שענקען
דעם צורר־מרושע זײַן שיסן און הענגען?

מעג זײַן, ס׳איז צו לעבן קיין כּוח ניטאָ מער,
עס מוז אָבער קלעקן צו נעמען נקמה!

צי בין איך געווען דען אַ מאַמע געטרײַע,
אויב ס׳וועט מיך דער טויט פֿון מײַן שׂינאה באַפֿרײַען?

דער טויט קען ניט סמייען צו מיר צו גענענען,
כּל־זמן ס׳וועט מײַן האַנט קיין נקמה ניט נעמען!"

עס פֿיבערן גלידער, סע זידן געהירן,
דאָס ברײַיקע גליק פֿון נקמה זיי שפּירן,

זיי צינדן זיך אָן אַזש — זיי ברענען, זיי ברענען...
נאָר זי, די געליימטע, ווי וועט זי עס קענען?

אַז חוץ אירע הענט, איז איר גאָרנישט געבליבן.
עס האָט זיך דער טויט אין איר קערפּער פֿאַרקליבן

און זיצט אין אים טיף. שוין פֿון יאָרן, פֿון יאָרן
עס האָבן די פֿיס זייער לעבן פֿאַרלאָרן.

מיט הענט בלויז אַליין און מיט שטאַרקסטע פֿאַרלאַנגען
מע קען ניט צום מערדער, וואָס ווײַט איז, דערלאַנגען.

וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? ס׳אַנטלויפֿט די נקמה!
אָ, וויי, ווען זי האָט אצינד פֿיס — כאָטש פֿיס לאָמע, —

זי וואָלט אַזאַ גליקלעכע איצטער געהונקען
די הענט אירע אַלטע אין בלוט אָפּצוטונקען,

אין בלוט און אין מאַרך פֿון געשפּאָלטענע שאַרבנס,
זי זאָל כאָטש אַ כּלומרשט־באַפֿרידיקטע שטאַרבן...

דאָך ס׳קענען ניט פּיס פֿון געלײמטקײט אַרױסגײן.
פֿאַרקלעמט אינעם לענשטול װעט מוזן זי אױסגײן,

װי ס׳האָבן באַפֿױלן די חיות די גרינע...
דאָך פּלוצעם אַ שפּאַר טוט פֿון האַרצן די שׂינאה,

אַזױ װי אַ בלוטשטורץ פֿון לונגען פֿון קראַנקע,
און ס׳טועט אין װערטער זיך אָן די געדאַנקען:

„נײן, כ׳װיל ניט!... איך קען ניט, איך טאָר ניט און װעל ניט!...
ס׳איז אײַער מאַנקאָליע פֿאַר מיר קײן באַפֿעל ניט...

איר װילט, איך זאָל אױסגײן פֿון הונגער און לײַדן?
איך װעל אײַער חיזש פֿאַרװעלעניש מײַדן.

עס װעט אײַער חוזק מיט מיר זיך ניט שפּילן!
איך טרינק פֿון מײַן שׂינאה, עס נערט מיר מײַן װילן!!"

— — — — — — — — — — — — — —

און זע, װאָס אין גרױליקע רגעס געשען קען:
די פּײַן איז בכּוח רפֿואה צו שענקען.

פֿון װײטיק, פֿון האַס, פֿון ניט קענען פֿאַרגעסן
געשען איז דער נס פֿונעם װערן גענעזן:

די אַלטע טוט ראַפּטעם אַ ריס זיך פֿון לענשטול
און לאָזט זיך אַװעק מיט אַ טראָט פֿון געשפּענסטן —

אַ גאַנג, װי ס׳װאָלט שװעבן אַ לאָגל פֿול צאָרן.
איר יעטװידער גליד — װי אַ מידבּרשער דאָרן,

גלײַך שטאָלענע שפּיזלער סע שטאַרצן די ברעמען,
אין אױגן פֿאַנטערישע פֿײַערלעך ברענען...

געגנעזענעם גוף מיט צעבײַלטער נשמה
אַ הײליקער אימפּעט טראָגט נעמען נקמה.

אַלמאַ־אַטאַ, דעצעמבער 1943 — יאַנואַר 1944

אַ בייזער חלום

עמעצער:

אַזאַ פֿאַרבאַרגענע,
אַזאַ אַ טיפֿע, זיבערע, געשיצטע הייל!
האָט טאַקע אָפּגעגאָלטן מיר
און כ׳בין אַנטרונען?
איז טאַקע קורץ געווען
די האַנט פֿונעם פֿאַרדאַרב
מיך צו פֿאַרלענדן?
ווי קיל דאָ איז, ווי שטיל —
קיין קלאַנג, קיין קול, קיין אָטעם;
געדיכטער חושך היילט מײַן ראִיה,
ער איז אַ גליק נאָך דעם גיהנומישן פֿלאַם-געווירבל,
נאָך דער צעיושעטער אַכזריותדיקער שײַן
וואָס מיט איין זופּ קען אויסטרינקען די אויגן.
אָ ווײ, וואָס פֿאַר אַ טרייסט
דאָס פֿינצטערניש קען זײַן!...

אין טיפֿער שיצנדיקער הייל
איך בין אַנטרונען —
אַנטלאָפֿן כ׳בין אַן איינציקער
פֿון סאַמע שלונג פֿון פֿלאַם.
צעשמאָלצן זײַנען היים און שטאָט,
און זאַמד, און באַרג, און סקאַלע.
אַלץ, וואָס עס בליט און אָטעמט,
איז פֿאַרלענדט,
בלויז איך אַ לעבעדיקער בין —
מיר איז געראָטן!
געבענטשט זײַ צופֿאַל —
איינציקער נאָך זיך-דערבאַרעמדיקער רעטער —

האָסט מיך אַרויסגעריסן
פֿונעם אומקומס נעצן,
אַרײַנגעשטופּט אַהער —
אין ווונדערנעסט
פֿון טוכלעקייט און פֿײַכטקייט.
איך בין געראַטעוועט,
איך לעב, איך בין געבליבן —
איך בין ניט אויסגעדאַמפּט,
ווי ס׳איז געשען
מיט טוי און טײַך,
מיט גראָז און וואַלד,
מיט מענטש און הויז,
מיט באַרג און קיזל.
איך בין פֿאַראַן...
און שרײַען כ׳וויל
אַז פּלאַצן זאָל די קעל
פֿון שרײַען: „כ׳בין פֿאַראַנען".
דאָס האַרץ אין מיר
קלאַפּט ווי משוגע פֿון דער פֿרייד:
„איך בין געבליבן".
די פֿויסטן בײַלן זיך
און נעגל שנײַדן זיך אַרײַן
אין ווייכקייטן פֿון דלאָניעס
און קריצן אײַן אין פֿלייש:
„איך לעב... איך לעב!..
איך לעב... איך לעב!"

אַ שטים:

אַרויס פֿון הייל!

עמעצער:

שוין ווידער האָט זיך אויסגעדאַכט מיר
אַז מע רעדט...

— — — — — — — — — — —

ווי שווידערלעך דער אויסראַטקנאַל
האָט עס פֿאַרקריפּלט מײַן געהער!
אַ־וויי, ווי אָנגעגליט עס איז מײַן שטערן,
ווי קאַלט — די הענט,
ווי צוקנדיק — די שלייפֿן!
דער שווידער שטעקט נאָך אין מײַן מוח;
ער טויכט אַלץ אויף —
ער וויל ניט, וויל ניט זינקען.
אַפֿילו דאָ — וווּ ס'איז אויף יענער זײַט פֿון אַלץ —
דערלאָזט ער ניט, כ'זאָל אים פֿאַרגעסן.

די שטים:

אַרויס פֿון הייל!

עמעצער:

שוין ווידער?!
און דאָס מאָל קלערער נאָך.
ניין, ס'האָט זיך מיר ניט אויסגעדאַכט.
אַ מענטש איז דאָ פֿאַראַן —
אַ נאָך־איינער צו מיר.
וווּ זיצסטו דאָ?
ווער ביסטו, טײַערער?

די שטים:

אַרויס פֿון הייל!

עמעצער:

דו טרײַבסט מיך גאָר?
דו טרײַבסט, אַנשטאָט
אַרומנעמען און קושן מיך?
אין שעה פֿון שװין־נאָר־אַלעמען
האָסט אויך נאָך ניט באַנומען
װי ס'דאַרפֿן ברידערן זיך מענטשן צװײ
װאָס זײַנען לעצטע פֿון אַ װעלט...
ניט רייד אַזוי מיט מיר, זײַ אײַנגעהאַלטענער.
צו װײטיקדיק עס איז אַצינד אַ שפּאַס!

די שטים:

װאָס פֿאַר אַ שפּאַס?
אַרויס, פֿאַרדאָרבענער, פֿון הייל!

עמעצער:

ניט זידל מיך!
אין אונדזער לאַגע זידלען נאָך,
צי װייסטו װאָס דו טוסט?

די שטים:

איך װייס,
איך װייס!
אַרויס פֿון הייל!

עמעצער:

װאָס טרײַבסטו מיך??
כ'פֿאַרשטײ אַז ס'איז דיר שװער...
ניט אַלע זײַנען גלײַך
אין אויפֿנעמען אַ בראָך,
דאָך יעדערן עס קװעלט.

מיינסט, מ י ר איז גרינג? — און ד אָ ך...
קיל אָפּ דײַן אָנגעהיצטן קאָפּ,
לעש אָפּ דײַן אָנגעפּלאַקערט האַרץ,
קום, טײַערער, אַהער,
גענעך צו מיר.
מיר זײַנען ביידע
אינעם אומגליק גלײַך:
פֿאַרלאָזן אַלץ,
פֿאַרלוירן אַלץ.
אַנטרונען פֿון דער שײַן
אין בוזעם פֿון דער ערד,
אַנטלאָפֿן פֿון אַ הויכן שטאָק
אין טיפֿער הייל...

ד י ש ט י ם:
אַנטלאָפֿן?
איך בין ניט אַנטלאָפֿן —
איך האָב דאָ געוווינט.

ע מ ע צ ע ר:
גאָר דאָ געוווינט?
אין אָט דער קברדיקער, טוכלער הייל?
וואָס חוזקסטו פֿון מיר?
וואָס רעדסטו אַלץ אַזוי
סע זאָל אַ רעטעניש מיר זײַן?
צי ס'האָט דער בראָך
צעטרייסלט דײַן געדאַנק?...
הער אויף! איך שרעק זיך פֿאַר דײַן וואָרט,
עס פֿאַלט כּסדר ווי אַ שטיין אויף מײַן געהער.
זײַ האַרציק, רייד אַ מאָל שוין
ווי אַ ברודער צו אַ ברודער...

די שטים:

אַררויס פֿון ה־יי־ל!
איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל:
אַרויס פֿון הייל!
מיר איז דערווידער די געפֿאַלנקייט וואָס אין דײַן קול,
דו וועסט מיט מיר ניט בלײַבן דאָ,
איך שווער!

עמעצער:

פֿאַר וואָס?

די שטים:

דו פֿרעגסט: פֿאַר וואָס?
אַליין פֿאַרשטייסטו ניט, אַנטלאָפֿענער אין הייל?
געדענקסט שוין ניט דעם פֿאַלוועג
וואָס האָט דיך אַהער געבראַכט?
איז גאָרנישט ניט געשען,
צי עפּעס איז זיך י אָ פֿאַרלאָפֿן?
ווו איז די וועלט —
די שיינע בליִענדיקע וועלט?

עמעצער:

אָ, שווײַג!.. ניט שנײַד מײַן האַרץ.
ניט פּלאָג מײַן אָנקרייטיק געהער
מיט שטראָפֿנדיקע רייד!
עס איז אַזוי שוין אויך
אַ שלאַנגען־נעסט מײַן מאַרך,
און איטלעכע דערמאָנונג שטעכט,

און אַלץ וואָס כ׳קלער
פֿאַרסמט דאָס בלוט.
וואָס האָסטו, ברודער, זאָג,
זיך אָנגעזעצט אויף מיר?
מיר זײַנען בײדע דאָך

די שטים:

אַזוי?..
שוין ב ײ ד ע גאָר?
איך וואָרן דיך: הער אויף!
זאָלסט ניט דערוועגן זיך
אַזוינס צו זאָגן מער!
ניט ב ײ ד ע, הערסט?
וואָס טוליעסטו זיך עס צו מיר?

עמעצער:

אַז אויב געבליבן זײַנען מיר...
אַז אויב געטראָפֿן האָבן מיר זיך
דאָ אין הייל באַצווייט,
איז, דוכט, גענוג מיר זאָלן ווערן פֿרײַנד...
ס׳איז קרובישאַפֿט פֿון אומגליק
שטאַרקער פֿון דער קרובישאַפֿט פֿון בלוט!
צי פֿילסטו דען עס ניט
ווען דו מיך טרײַבסט?
פֿאַר וואָס זשע טוסטו אַלץ
נאָר יאָגן מיך פֿון זיך?
ווער ביסטו, מענטש,
וואָס ביסט אַזוי אַכזריותדיק צו מיר?
ווער ביסטו עס אַזאַ? אַנטפּלעק!

די שטים:

אַנטפּלעקן דיר ווער כ'בין אַזאַ?
עס איז ניטאָ וואָס צו אַנטפּלעקן.
מײַן פּנים און מײַן לײַב דערזען
איז דיר ניט מעגלעך.
פֿאַר דיר איך בין פֿון לאַנג שוין
אין דער צײַט צעגאַנגען.
די זון געוואָרן מיד איז
פֿון אַרומקרײַזן אַרום דער ערד
זינט יענעם טאָג
ווען כ'האָב מײַן אויג פֿאַרשלאָסן.
די צאָל פֿון שטערן אויפֿן הימל — איז די צאָל
פֿון קינד
נאָך קינד,
נאָך קינד,
נאָך קינד...
וואָס איז פֿון מיר ביז דיר געגאַנגען.
דאָס האַר־געדיכטעניש וואָס אויף מײַן לײַב איז אויסגעקראָכן,
די שווערע לאַנגע הענט מײַנע געוואָרן זײַנען קירצער,
מײַן קאָפּ פֿאַרלוירן האָט זײַן עקיקייט און זיך פֿאַרקײַלעכט,
די אויגן מײַנע האָבן אויפֿגעהערט אין לעבער טיפֿע זיך באַהאַלטן.
געטאָן האָב איך אַ קוק אויף זיך
און האָב דערזען
שטאָט זיך — שוין דיך...
איך בין אָט דער
וואָס, כאָטש זײַן קינד דו ביסט,
דו האָסט פֿון אים געחוזקט.
איך בין אָט דער
וואָס האָסט רק אָפּגערוקט אים צו דער מאַלפּע.
איך בין אָט דער
וואָס האָסט אים אויפֿגעהערט צו רופֿן טאַטע.

און, אַפּגעפּרעמדט, אַ נאָמען אים געגעבן:
„אורמענטש"...

עמעצער:

אַט ווער דו ביסט!

די שטים:

יאָ, איך בין דער!..
איצט ווייסטו ווער עס טרײַבט דיך?
יאָ, איך בין דער
וואָס האָט אין הייל געוווינט,
געשיצט זיך דאָ
פֿון קעלט, פֿון רעגן און פֿון ווילדע חיות.

עמעצער:

איז וואָס פֿון דעם?
איז אונדזער אַנדערשקייט אַ סיבה דען
זאָלסט מיך פֿון דאַנען טרײַבן?
דו זעסט דאָך ווי געקומען כ'בין אַהער,
ווי עלנט כ'בין און ווי כ'זע אויס.
איז וועמען טרײַבסטו דאָ?
מיט וועמען רעכנסטו זיך אין דער שעה
ווען ס'האָט קיין האַפּט שוין ניט אַיעדער חשבון?
אויב מיר געטראָפֿן האָבן זיך אַצינד,
טאָ פֿיל ווי גרויס עס איז דער זכות
צו קענען טרייסטן.
רייד ווי מע דאַרף, ווי עס געהער צו זײַן,
ווי עס איז נייטיק!

די שטים:

איך רייד אַזוי ווי מע באַדאַרף.
איך רייד אַזוי און נ אָ ר אַזוי,
און אַנדערש ריידן איצט מיט דיר
איך קען ניט און איך וויל ניט.
געקומען ביסט אַהער, אַרײַן אין הייל
אַ ווײַטער פֿון אַ ווײַטער וועלט,
אַן אומגעריכטער, ניט־געגאַרטער פֿרעמדער.
אויב כ'וואָלט געפֿרייט זיך מיט אַ גאַסט,
אויב ס'וואָלט דערקוויקט מיך אַ באַזוך,
איז דײַן געשטאַלט פֿאַר מיר אַ יאָך,
דײַן אויסזען אײַנגעבראָכענער — אַ לאַסט.
צו וואָס? צו וואָס ביסטו אַהער געקומען?

עמעצער:

ניט מאַטער מיך! דו ווייסט אַליין...
מײַן אויסזען זאָגט, מײַן קרעבץ דערציילט,
ס'געשטאַלט וואָס וואַקלט זיך
טוט אַלץ דערקלערן...
דו ווייסט גאַנץ גוט וואָס ס'איז געשען,
איך ניט געקומען בין צו דיר,
אַנטלאָפֿן כ'בין... אַנטלאָפֿן!
וואָס פֿרעגסטו מיך: „צו וואָס?"
דער לויפֿנדיקער ווייסט ניט קיין „צו וואָס?",
דער, וואָס זיך ראַטעוועט,
פֿאַרטראַכט זיך ניט צי ס'לוינט אים.
ווער קען דיר ענטפֿערן „צו וואָס?"

די שטים:

איך דאַרף דײַן ענטפֿער ניט!
און אויב געפֿרעגט איך האָב „צו וואָס?",

געטאָן כ'האָב עס צו זאָגן דיר
אַז ביסט אַן איבעריקער דאָ —
אַ פֿרעמדער וואָס ניט ליב איז.

עמעצער:

„ניט ליב"... „ניט ליב"...
איך ווייס אַז נ י ט!
אָ, אַלץ איז דאָך אַצינד בלויז נ י ט —
ניט היים, ניט פֿרייד,
ניט זון, ניט רו,
ניט קינד, ניט גליק,
ניט וועלט, ניט לעבן...
איך פֿיל: מײַן בײַזײַן וועקט דײַן האַס.
מײַן בלײַבן לעבן טוט דיך באַנג.
מיט עקל הערסטו מײַנע רייד.
מײַן ווייטיק רופֿט אַרויס דײַן שפּאָט.
פֿאַר וואָס?
וואָס האָב איך דיר אַזוינס געטאָן?
וואָס שטראָפֿסטו מיך,
אַז כ'בין אַזוי שוין אויך געשטראָפֿט —
געשלאָגן מיט אַ בראָך וואָס האָט קיין

די שטים:

הער אויף!
גענוג זיך קלאָגן אויף באַוועלט זײַן,
בעת קיינער האָט דיך ניט באַוועלט.
וואָס גרילצט אַ טרער אַלץ אין דײַן קול?
פֿון וועמען פֿאָדערסטו? ווער האָט דיר בייז געטאָן?
דו האָסט דעם אונטערגאַנג געבראַכט,
איז וואָס זשע ביסטו איצט פֿון אים געלאָפֿן?

ווער האָט דערלויבט דיר קלאָגן דאָ אין הייל,
אַנשטאָט צו ליגן ערגעץ ווו אַ טויטער?
וואָס קומסטו, ברענגער פֿונעם סוף,
צו מיר — דעם ברענגער פֿונעם אָנהייב?
ווי זאָל איך לאָזן דיר דאָ זײַן?
ווי זאָל איך דיך ניט האָסן און ניט טרײַבן
אַז אַלץ האָט אומגעבראַכט דײַן בייזע שוואַכלינגהאַנט,
פֿאַרדאָרבן אַלץ וואָס איז פֿון מיר געגאַנגען?...
און איך האָב דאָך אַ מאָל — אין אײַזיק האַרטע טעג,
ווען אַלץ אַרום געווען איז וואַלדישע סכּנה,
מיט אָנגעשפּאַנטן גוף, מיט נעגל הייס פֿון קראַמף
פֿון וועלטן שטייניקע געריסן פּיצלער לעבן.
געווען איז אַלץ אַרום אי פֿרעמד, אי קאַלט, אי שווער,
מײַן אומגעלומפּערט האַרץ באַלײדיקט האָט געיאָמערט:
אויף יעדן טראָט — אַ שלאַנג, אויף יעדן קער — אַ בער,
אויף יעדן טאָג — אַ טשאַטע ווילדע טויטן...
אַ שטיין האָב איך געכאַפּט —
באַקומען האָט מײַן האַנט אַ פֿליִענדיקע דלאָניע.
אַ צווײַג האָב איך דערזען —
געוווּנען האָט מײַן פֿויסט אַ ווונדערלעכן פֿינגער.
דערטאַפּט האָב איך אַ ביין — אַ שווערן אָקסנטלאָ —
דערוואָרבן האָט מײַן לײַב אַ דריטן שטאַרקן אָרעם.
אַרײַן בין איך אין הייל און אויסגעטראַכט אַ היים —
אַן אָרט וואָס אייגן איז און אָן געפֿאַרן:
אַ רו — בײַ נאַכט, אַ שוץ — בײַ טאָג —
אַן אָרט צו וועלכן שטענדיק עס טוט ציִען.
פֿאַרשטייסטו שוין, וואָס ס'האָט באַטײַט
פֿאַר מיר ס'אַרײַנקומען אין הייל
פֿון היץ, פֿון שטורעמווינט, פֿון פֿראָסט און פֿון סכּנה?
ס'איז הייל געווען אַ פֿרייד, ס'איז הייל געווען אַ גליק,
ס'איז הייל געווען אַ שטאָלץ און אַ דערגרייכונג!

און דו ווי קומסט אין הייל?
אַרײַן דו ביסט אַהער אַן אויסגעלאָשענער,
דערפּרייט זיך מיטן חושך.
געקומען ביסט אין הייל, ניט טרעטנדיק פּאָרויס,
נאָר הינטערוויילעכס פּאַלנדיק אין אָפּגרונט...

עמעצער:

ווער האָט געקענט זיך ריכטן אויף אַזוינס!
ס'איז צען מאָל גרויליקער
פון ד ע ם פּאַר וואָס מע האָט געקענט זיך שרעקן.
פּאָרויסגעזען, דאַכט, אַלץ; געטאָן, דאַכט, מיט פאַרשטאַנד;
געגאַנגען מיטן גלײַכן וועג, און פּאָרט געהאַט אַ טעות...
ווען ס'האַלט בײַם גורל, איז ניט שייך זיכער זײַן.

די שטים:

אַז אָך און ווי צום גלײַכן וועג,
צו דײַן פּאָרויסזען און דײַן גאַנג,
די זעלבע קללה פּלעטן וועט
דײַן זיכער זײַן, פונקט ווי דײַן טעות!

עמעצער:

אַזוינע האַרבע רייד!
אַזאַ געשטעלטקייט פון געדאַנק!
ווי קען עס זײַן די שטים פון אורמענטש וואָס האָט דאָ געוווינט?
מיט איין מאָל דאַכט זיך מיר,
ס'איז גאָר דאָס קול פון אונדזער אייגענעם געוויסן...
סע שיקט זיך דאָך אַז דאָ אין הייל
ווו ס'האָט אַ מאָל געלעבט דער ווילדער מענטש
זאָל אונדז זיך אויסדאַכטן, זײַן שטים מיר הערן,
און אַלע טענות פונעם מענטשלעכן געוויסן,
וואָס טרייפּסטע בייזטוערס האָבן פּאַרשטיקט,

דערהערן זאָלן מיר ווי פֿון אַ פֿרעמדער שטים.
אַ שטים אַן ערלעכע, אַ גראָדע, האַרציקע, כאָטש רויע.

די שטים:

אַ רויע?..
איך ווייס, איר טראַכט, כ׳בין ווילד געווען
(אַ האָריקער, אַ נאַקעטער, אַ שווערער),
געגעבטיקט אין דער הייל, געגעסן אויף אַ שטיין,
געטרונקען, טונקענדיק דעם קאָפּ אין קוואַלן;
נאָר ווי האָב איך געלעבט? און וואָס האָב איך געטאָן?
האָב איך דערהרגעט ווען ניט איז אַ ברודער?
אַזוינס געשען איז ערשט נאָך מיר,
אַזוינס באַגאַנגען איז דער זון
פֿון דעם וואָס הייסט ביַי אײַך שוין אײַער טאַטע.
אַ רויער, זאָגסטו? יאָ ס׳קען זיַין.
אַ רויער, אָבער ניט קיין ברודער־מערדער.
איך האָב מיט אַלע וואָס מיט מיר —
מיט אַלע ברידער האָריקע געלעבט,
ווי יעדערער פֿון זיי געווען וואָלט איך אַליין גאָר.
צוזאַמען האָבן מיר געשיצט זיך פֿון אַ לייב,
אין איינעם האָבן מיר אַ בעריכע פֿאַריאָגט,
מיט אײַנגעשוווּנקטן שטאָק געטייט מיר האָבן וועלף,
מיט שטיין אין שווערער האַנט אַוועקגעלייגט אַ בופֿלאָקס.
וואָס האָב איך דען געהאַט און וואָס האָב איך פֿאַרמאָגט?
כ׳האָב גאָרנישט ניט געהאַט, אַ לעבן נאָר פֿאַרמאָגט כ׳האָב,
און ווער אַ לעבן האָט, קיין צווייטס ער דאַרף דאָך ניט,
צו וואָס זשע זאָל ער צונעמען זיַין ברודערס לעבן?
דאָך ווי נאָר ס׳איז געשען: ס׳האָט עמעץ וואָס פֿאַרמאָגט —
דעם „ערשטן טאַטנס" זון אַ לאָנקע האָט באַזעסן,
איז גליַיך פֿאַרשוווּנדן רו, ס׳איז ברודערשאַפֿט אַוועק
און בלוט פֿון מאָרד איז אויף דער ערד געפֿלאָסן...

עמעצער:

יאָ, דאָ טאַקע הייבט זיך עס אָן...

די שטים:

דאָ הייבט זיך ניט בלויז אָן.
דאָ ענדיקט אַלץ זיך, ווײַל עס הייבט זיך אָן!
ביז קענען בין איך, פֿון קענען זײַט איר;
איך — מענטש נאָך מאַלפּישער, איר — נײַמענטש־חיה...
ביז קענען בין איך, פֿון קענען זײַט איר,
דאָך וואָלט איר כאָטש געווען ניט מער ווי נאָר אַ קין!
וואָלט אײַך באַלאַסטיקט בלויז אַ מאָרד,
וואָלט איר, ווי קין, זיך געשעמט,
זאָל זײַן, ווי ער, דעם מאָרד געלייקנט,
וואָלט אפֿשר נאָך זיך אויסגעדאַכט
אַז עס קען זײַן אַן אויסקויפֿשטראָף
דאָס אָנטאָן אײַך דעם קין־צייכן...

ס'האָט קין, אָדמס ווילדער זון —
דער לײמענער מגושם —
דערפֿילט באַליידיקונג אין האַרץ,
אין לאַפּע־האַנט — אַ בײַסן,
האָט ער מיט ניט־געניטן גוף
געטאָן אַ גולמישן שפּרונג,
אַ וואָרף געטאָן צווײ פֿויסטן — פֿעלדזן...

— — — — — — — — — — — — — —

נאָר באַלד האָט ער דערהערט די שטים
(מ'ע זאָגט: פֿון גאָט,
דאָך גיכער איז געווען עס גאָר די שטים
וואָס איז אַרויס פֿון קינס האַרץ,

זיך אָפּגעשלאָגן אָן אַ באַרג
און ווי אַ ווידערקול צוריקגעקומען):
„ווּ איז דײַן ברודער, קַין?"
„איך ווייס ניט!, — האָט געֶרעוועט דאָס שטיק ליים, —
צי בין איך דען מײַן ברודערס היטער?
אַז כ'קאָן ניט אײַנהיטן מײַן האַנט,
ווי קאָן איך אויסהיטן מײַן ברודער?.."
געיאָמערט האָט דער שווערער גוף
וואָס האָט זײַן גלײַכוואָג אָנגעווירן
און איז אַוועק איבער דער וועלט
ווּ ס'איז דאָס בייזס אָקערשט געבוירן...
נאָר קומט ער דען צו אײַך דער קַיִן,
וואָס אַלע ווייסן אים צו שעלטן?
אַ צופֿאַלמאָרד האָט אים פֿאַרמערדערט,
אַן איינצלמאָרד האָט אים פֿאַרקַינט,
דאָך איר במזיד האָט פֿאַרטיליקט.

עמעצער:

אַזאַ שוין איז די מענטשלעכע נאַטור.
ס'האָט מן־הסתּם געמוזט אַזוי געשען.
פֿאַרבײַ עס איז די צײַט פֿון אײַנריידן זיך, מען איז געטער,
דער מענטש איז שוואַך!

די שטים:

איך ווייס, דו ביסט אַ שוואַכער,
פֿאַרמאָגסט ניט מײַנע ציינער,
עס איז דאָס פֿלייש דײַנס ווייכער,
ס'איז וויגיקער דײַן גאַנג.
דאָך טויזנטער געביינען
פֿון לעבנס דורכגעלעבטע

וואָס האָבן אויסגעשפּרייט זיך
אין גאַנג פֿון מיר צו דיר,
זיי האָבן דיר געגעבן
אַ ז ו י נ ס וואָס איז פֿיל שטאַרקער
פֿון ביינער און פֿון קנאָכנס.
זיי האָבן דיך באַשאָנקען
מיט גאָב דער סאַמע גרעסטער —
פֿון זיידעס די געניטשאַפֿט
אין דיר אַרײַנגעטאָן.
פֿון אַלץ, וואָס ס׳איז געלונגען,
פֿון אַלץ, וואָס נ י ט געראָטן.
פֿון איטלעכן געראַנגל,
פֿון יעטווידן פֿאַרמעסט
פֿאַר דיר זיך אָפּגעזעצט האָט
אַ גרײַפּעלע, אַ פּיצל,
ווי ס׳זעצט זיך אָפּ אַ זעמדל
אין בעקן פֿונעם טײַך.
פֿאַר דיר איז עס געבליבן,
פֿאַר דיר זיך רק געזאַמלט,
אין דיר איז עס געקומען
און האָט געהייסן דײַנס.
געהייסן דײַן באַגאַבונג,
דײַן וויסן און דײַן ווילן,
דײַן קלאָרער מענטשן־שׂכל,
דײַן שאַפֿנדיקער גײַסט.

טאָ, זאָג, אויף וואָס האָסטו פֿאַרניצט
די קראַפֿט וואָס האָסט געאַרבט פֿון דורות?
וואָס האָט דײַן האַנט געמאַכט דערפֿון
וואָס האָט געקענט זײַן גרעסטע ברכה?
און זאָג, ווּהין האָסטו די וועלט דערפֿירט?

דו שלוכצסט ?
אַזאַ איז ער דײַן ענטפֿער איצט ?
קיין חידוש ניט, אַזוי דאָך מוז עס זײַן:
געפֿאַלנקייט פֿון האַרץ דערפֿירן מוז
צום פֿילן זיך, מען איז געפֿאַלן...
ס'איז אַלץ אַצינד ווי אויף דער האַנט.
דער חשבון איז באַרעכנט שוין —
אַ פֿינקטלעכער, אַ קלאָרער.
פֿאַר וואָס ביסטו צו אַזאַ נידערטרעכטיקייט דערגאַנגען ?
ס'איז ניט קיין צופֿעליקער טראָט,
דאָס איז דער גאַנג פֿון פֿינצטערע פֿאַרלאַנגען...

וואָס האָסטו, מײַן פֿאַרדאָרבן אייניקל, געטראַכט
ווען נאָך געהאַלטן אין דײַן האַנט
דו האָסט דעם אויפֿגעדעקטן סוד —
די גרעסטע אויפֿטוען פֿון דורות ?
ווען ס'האָט די פֿרוכט פֿון ז י י ע ר מי
באַקומען שלמות אין דײַן מאַרך,
און פֿון דער זון די גרעסטע מאַכט
איז אין דײַן האַנט אַרײַנגעפֿלאָסן ?
וואָס האָסטו, מײַן פֿאַרדאָרבן אייניקל, געטראַכט
ווען האָסט דערגרייכט צום שפּיץ פֿון אַלץ —
אַז אין דײַן קליינער שוואַכער פֿויסט
געלעגן זײַנען אײַנגעקלעמט
באַשאַפֿונג, אומברענגונג — אַ צווילינג ?
גראָבסטו אַרויס פֿון גרובן אַרץ
און דו דערגייסט צום סוד פֿון שטאָל,
כאַפּט זיך אַרײַן צו דיר אין האַנט
באַשאַפֿונג, אומברענגונג — אַ צווילינג.
געפֿינסטו אויס דאָס שוואַרצע זאַמד

וואָס קען אַ הייב טאָן שווערסטן באַרג,
צעשפּריצן פֿעלדזן אין דער לופֿט,
באַזעצט זיך מער נאָך אין דײַן האַנט
באַשאַפֿונג, אומברענגונג — אַ צווילינג.
דערגרייכסטו צו דעם וווּנדערפֿונק
וואָס טוט זיך וואַרפֿן ווי אַ שלאַנג,
און שפּאַרסט אַרײַן אים אין אַ דראָט,
צעוואַקסט נאָך מער זיך אין דײַן האַנט
באַשאַפֿונג, אומברענגונג — אַ צווילינג.
און אַז דערגייסט צום סאַמע שפּיץ —
צום טיילן אַלץ, צעשפּאַלטן אַלץ —
אין פּיצל אויפֿדעקן די גרויסקייט,
ליגט צײַטיק שוין בײַ דיר אין האַנט
די גרעסטע פּרוּווּנג פֿאַר דײַן האַרץ:
באַשאַפֿונג, אומברענגונג — אַ צווילינג...

ע מ ע צ ע ר:

אָ־ווײ, די שלייפֿן פּלאַצן מיר!
איך קען ניט אײַנהאַלטן מײַן קאָפּ
וואָס שטעקט אַ קראַנקער אין דער מיט
פֿון אַ זיך דרייענדיקער ראָד.
איך קען ניט אײַנהאַלטן מײַן קאָפּ,
סע שווינדלט אַרום אים די הייל,
דער חושך קרײַזט אַ קאַראַהאָד,
די שלייפֿן דריקט אַן ענגע רייף.
איך קען ניט אײַנהאַלטן מײַן קאָפּ...
איך קען ניט — — — — — — — —
וואַסער!... וואַסער!...
וואַ־סער!...

די שטים:

פֿון וואַסער האָסט דעם וואַסערשטאָף אַרויסגענומען,
און פֿונעם וואַסערשטאָף — דעם גרעסטן טויט אַרויסבאַקומען...
ניטאָ קיין וואַסער מער. טרינק פֿײַער!
טרינק פֿײַער, אויב דו האָסט אַליין דערצו דערפֿירט...

עמעצער:

איך האָב פֿאַרשטאַנען ניט אַזוי.
פֿאַרויסגעזען כ'האָב מילדער אַלץ.
כ'האָב ניט געמיינט, אַוועק ס'וועט אַזוי ווײַט.
איך האָב ניט פֿאָרגעשטעלט זיך אַזאַ סוף.

די שטים:

ניט אמת!
האָסט זיך פֿאָרגעשטעלט.
דו האָסט נאָר ניט געוואָלט
זיך מודה זײַן אַז דו פֿאַרשטייסט...
אויב האָסט אין עפּעס זיך גענאַרט,
אויב האָסט אַ טעות יאָ געהאַט,
איז נאָר אין דעם וואָס האָסט געמיינט
אַז ס'איז ביז דיר!
צו דיר דער אומקום וועט ניט גרייכן.
באַגריפֿן אָבער האָסטו אַלץ,
פֿאַרשטאַנען האָסטו דווקא יאָ.
געוווּסט האָסטו וווּהין עס פֿירט;
געוווּסט, נאָר ס'האָט דיך ניט גערירט...
דערמאָן זיך וויפֿל ליבשאַפֿט, קענטעניש, התמדה
דו האָסט אַרײַנגעטאָן אין אָט דער כּלי פֿונעם טויט!
די שלאָפֿלאָזיקע נעכט פֿון זוכנדיקע זיידעס
האָסטו פֿאַרניצט אויף מיאוס מאַכן זייער מי,

פֿון אַלע ליכטיקע און גליקלעכע געפֿינסן
האָסטו געשליפֿן פֿאַרן אויסראָט אַ געציַיג.
נו האָט עס איצט אַ ווענד געטאָן זיך קעגן דיר...
דו האָסט געמיינט, אַ נײַער נח וועסטו זײַן?
די וועלט פֿאַרזינקען וועט אין פֿלאַמען־מבול,
און ס׳וועט מײַן הייל די תּיבֿה זײַן פֿאַר דיר,
וועסט זיך באַהאַלטן, איבערקומען?
אָ, ניין! אַזוינס איצט מער ניט גילט!
פֿאַרגעס די מעשׂיות נאַרישע וועגן דעם וואַסער־מבול!
ווי שרעקלעך דער שלאַקסרעגן זאָל ניט זײַן געווען,
איז ער אַ גאָרנישט קעגן העלישן שלאַקספֿײַער...

געוועזן איז אויסראָט אויך ביז דיר;
אין יעדער צײַט איז בלוט געפֿלאָסן.
צי נירון־קיסר האָט געטייט,
צי ס׳האָט קאַליגולע געשאָכטן,
צי דיאָניסיוס טיראַן,
צי טאַמערלאַן — דער פּוס פֿון אײַזן —
געטראָטן האָבן אויפֿן מענטש,
פֿאַר היים און גליק געצאָלט מיט קבֿרים...
געוועזן איז אויסראָט אויך ביז דיר;
אויף גאַנצער ערד איז בלוט געפֿלאָסן.
זיי האָבן אומגעבראַכט דעם מענטש,
דאָך דו אויך מער האָסט זיך פֿאַרמאָסטן:
אַרויס ביסט אויפֿרײַסן דאָס אָרט!
געקומען ביסט דעם ערדקײַלער צעשטערן
אַז אייביק זאָל ניט זײַן מער ווו
סע זאָל אַ מענטש געבוירן ווערן...
טאָ וואָס זשע האָסטו זיך דערשראָקן

און זיך אַרײַנגעדראַפּעט אין דער הייל
אַ מקום־מיקלט זוכן?

אין בוזעם פֿון דער ערד, זיך צוגעדעקט מיט בערג,
האָסטו געטראַכט, געפֿונען האָסט אַנטרינונג:
האָסט אָפּגענאַרט דעם טויט, באַהאַלטן זיך פֿון סוף,
געמיינט, וועסט זײַן דער אָדם פֿון אַ נײַעם בראשית?
ניין־ניין! אַזוינס איז איין מאָל נאָר געשען,
אַן ערשטער קען בלויז איין מאָל זײַן,
דיר קען געראָטן נאָר צו זײַן דער לעצטער...

דער חורבן קייטלט זיך נאָך דאָרט:
עס פֿאַלן בערג, ס׳פֿאַרשווינדן טאָלן,
עס הייבן טײַכן אויף זיך אין דער לופֿט,
און ווי דער אָטעם אין אַ קאַלטן ווינטערטאָג
זיי זעען זיך אַ ווײַלע אָן און ווערן נעלם.
עס ברענט אַ וואַלד, ס׳צעגייט אַ שטאָט,
עס דאַמפּן אויס זיך וואָלקנס.
אַ מענטש, אַ שפּערל, אַ מאָנבלאַן —
די זעלבע מעקענע אין פֿלאַם.
דוכט, ניט באַרירט זיי נאָך — ניטאָ שוין!..

טאָ שלעפּ אַרויס זיך, ווער פֿאַרברענט,
וועסטו פֿאַרשפּאָרן טענהן
אַז עס מאָנט פֿון דיר די שטים
פֿון אַ זיך־גרייסנדיקער מאַלפּע.
שלעפּ זיך אַרויס און ווער פֿאַרברענט,
עס ווערן ריינגעוואַשן זאָל
דאָס מענטשלעכע געוויסן!
ניטאָ אין הייל פֿאַר דיר קיין אָרט.

פֿון וואַנעט מען אַוועק איז, שפּאַנענדיק פֿאָרויס,
ניטאָ איז קיין צוריקקומען אַהיין זיך אויסבאַהאַלטן.
אַרויס פֿון הייל! אין אונטערגאַנג אַריַין! —
אַרויס! — פֿאַרברענט ווערן אויף אַטאָמישן שיַיטער!

*

ס'האָט עמעצער געזען אַ חלום.
אָ זאָל עס נאָר ניט קיין נבֿואה זיַין!

ווילנע, 1957

אינהאַלט

אַ סערוועטל לבֿנה־שײַן

11 ווער האָט עס אויסגעטראַכט ?...
13 אַ ייִד...
15 * האַר, כּל־יכול ווונדער
16 מענטש (בין איך מער פֿון דעם, וואָס כ׳בין)
17 * ס׳איז דיר שווער מיך צו פֿאַרשטיין
18 צו דרײַ פֿרײַנד
19 גולם־געוויסן
20 אין דיר...
21 און אַזוי... (אויך ניט דעררײדנדיק)
22 אויפֿן ליבן אומזיניקן וועג...
23 C'EST LA VIE
24 לאָמיר ניט ציילן...
25 בין־השמשות־דאַכטונגען
26 * די פֿרייד — דער באַלזאַם
28 עוזר דלים הושיעה נאַ !
30 אין אַ פֿאַרקלעמטן העק...
32 גייט אַ וואַנדערער אין וועג...
34 * די אומעטיקע שעה
35 חרטה (ווײַל געווען כ׳בין שפּל־אומ־געריכט)
36 * אפֿשר דאַרף מען גאָר ניט זוכן שלמות
37 * אין זכּרון ליגט אַ סערוועטל לבֿנה־שײַן
38 * ס׳גיט דער אַרבעס־פֿאַל פֿון די סעקונדעס צו פֿאַרשטיין
39 תּמימות (די ליכטיקע שעה פֿון באַ־גינען)
40 אייפֿערזוכט (ווען ס׳שווימט פֿאַרבײַ אַ וואָלקן פֿאַר דער זון)
41 כ׳וואָלט זיך אָנגעטאָן אַן אינו־ניראה־מיצל
42 חמסין
43 דער ים־התּיכון
44 יונגשאָפּט (האָב איך הײַנט מײַן פּענצטער אויפֿגעעפֿנט ברייט)
45 אַ שטערנדל
46 אַן אַלטער ניגון
47 שוואַרץ און רויז
48 צום ייִדישן זעלנער
49 אַ ייִדיש ליד (גאַנץ אייראָפּע)
50 האַרבסט 1941
51 בין אָדם למקום, בין אָדם לחברו
53 אַ באַגעגעניש אין פּאַנאַר
55 אַ וויינענדיק פֿריילעכס (שפּיל, שפּיל אויפֿן פֿידל)
57 אַ לאַרעלײַ־ליד

בלויע בומעראַנגען

61 אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט
62 דער משוגענער נביא
64 צווישן אָנהייב און סוף
65 שׂרפֿה
66 אין שטאָטוואַלד...
67 * גאָט, פֿאַר וואָס דאַרף זײַן מײַן מי ווי פֿון דער וועוועריקע
68 בין אָדם למקום (מענטשן זײַנען צו קנאָפּ געטלעך)
69 חלום (מעג זײַן, דער חלום איז אַן איבערקרימונג)
70 ערגעץ שפּילט אַ פֿידל בײַ דער נאַכט
71 דער זינגער
73 פּאָפּ־מוזיק
74 בײַ נאַכט אין קאָרנפֿעלד
75 דושנער אָוונט
76 בושלען פֿליִען
77 * פֿליִען פֿייגל אום הקפֿות

78 * ווילן די טויבן ניט הערן די ראָבן
79 צוויי אַלכעס
80 נדבה...
81 SIC TRANSIT
82 * לאָז דעם אומעט פֿאַר דער צײַט...
83 בין־השמשות (אין די צווישן־רגעס)
84 נאָך דער שקיעה
85 * טאָג וואָס עקסט זיך
86 * ווי סע זאָל ניט זײַן אויף דער נשמה דיר
87 * קלאָגט זיך רויער אַסיענווינט
88 אַן עקסצענטריש ווינטערליד
90 דער שפיגל
91 * איז דער אויסגעשטאָפּטער אָדלער אַן אָדלער ?
92 דער בעל־חרטה (שפּליטער פֿון מײַן לעבן)
93 דאָס ליד פֿון די אַפּגענאַרטע
94 דער פֿאַרצאָגטער
95 דער אַפּיקורס
96 צום רשע
97 דעם עוכר־ישׂראל
98 פּאַראָל
99 וועגליד (ווען דו ציילסט די טריט)
100 טראָטואַר
101 דער מטורף
104 איך זוך אַלץ אום מײַן טײַערן...

גאָט פֿון וועלף און גאָט פֿון שאָף

107 * אַ ווי שווער ס׳איז צו פֿאַרשטיין
107 בין אָדם ליוצרו
108 * וויי, די שאָטנס יאָגן נאָך די שײַן
108 צו דער נאַכט (מײַן ניט נאַכט)
109 * ווען עס פֿול ווערט דאָס האַרץ מיט פֿאַרנאַכט
109 * זוכסט פֿאַר דײַנע זינד אַ תּירוץ
110 * פֿייגל פֿרײַע קוקן ביטולדיק אויף שטײַגן
110 דיספּוט
111 * עס האָבן זיך קראָען פֿאַרמאָסטן
111 נאָכן דונער...
112 פּשוט... (ווען צעשאָטן ליגן)
112 אַנהייב (כ׳וויס שוין לאַנג...)
113 דעם שוואַכוויליקן
113 * מענטש וואָס אָן מוט
114 דער ציניקער
114 צום אַמאָליקן לעסטערער
115 מענטש און שטילקייט
115 וואָלקנס
116 * מחמת וואַסערס גיסיקייט
116 בײַ אַן אַלטער בריק
117 * צי איז דעם וועווריקל...
117 מײַ
118 אפּשר... (אפּשר איז מײַן אומעט גאָר ניט שלעכט)
118 * פֿאַראַן וואָס קוקן שטענדיק אויף צוריק
119 ווי ?... (טראָגסט זיך מיט דײַן טעות אום)
119 שפּיל איך זיך... (און שפּיגל זיך אין שפּיל)
120 * טרוקענע ברינעמער
120 * ווען די פֿרעש וואָלטן זײַן וויסן
121 האַנטדרוק
121 שטימונג (דערמאָנסט מיר געשיכטעס)
122 * איך האָף, מיר וועט ניט זײַן לגנאַי
122 דער טרוים־קרבן
123 גענעזונג (שטעקט אַ דערמאָנונג — אַ שפּליטער)
123 האַרבסט (פֿון קווייטן פֿאַרגעלטע...)
124 אַ בוקעט אויפֿן טיש
124 שאָטן (ווי עס האָט געקענט זײַן שײַן)
125 ברכה
125 נאָש מײַן פֿרייד...
126 דער זייגער
127 * לאָמיר ניט געטרויען דעם זייגער
128 דער דיכטער (מעגן אַלע זייגערס)

129 על־חטא (כ׳האָב דערשטיקט אַ ליד)
130 דיאַגנאָזן
132 צום פֿאַנאַטיקער
135 אונטערן בוים — דעם קרוב פֿון עץ־הדעת און עץ־החיים

אין קלעם פֿון געהאָרכיק זײַן

141 דער עבֿד
142 פֿירער...
143 לית דין !...
144 ניט גרינג איז צו פֿאַראורטלען זיך !
145 אויטאָדאַפֿע
147 כ׳וויל דערציילן אײַך אַ מעשׂה

בעלי־חיים

151 דער האָז
153 דער וואָלף
156 דער האָן
159 די קאַץ
162 דער אַרבעטסאָקס
165 דאָס לעצטע פֿערד...
167 די צויג
169 דער חזיר
170 דער בער אין שטײַג
171 דער באַליידיקטער בער
172 דער הונט
173 דער אַלטער הונט
174 דער אַלטער וואָלף
176 די שפין
177 דאָס גוטע שפערעלע
178 די קלוגע סאָווע
179 די וואָראָנע
180 די קוקאָווקע
182 דער פּאַפּוגײַ

פּאָעמעס

185 חבֿלי־גאולה
191 העראָסטראַטאָס
199 נקמה
210 אַ בייזער חלום

ביכער פֿון הירש אָשעראָוויטש
אַרויסגעגעבענע אין ישׂראל

צווישן בליץ און דונער
לידער און פּאָעמעס, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָביב, 1973
פּרעמירט מיט דער יעקבֿ גלאַטשטיין־פּרעמיע פֿון אַלוו. ייִד. קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק

מײַן פּאָנעוועזש
פּאָעמע, אָריגינאַל צוזאַמען מיט דער איבערזעצונג אין עברית פֿון אַברהם שלאָנסקי
(„פוניבז׳ שלי״), „איגוד יוצאי פוניבז׳ בישׂראל״, תּל־אָביב, 1974

אין דער וועלט פֿון עקדות
לידער און פּאָעמעס, פֿאַרלאַג „המנורה״, תּל־אָביב, 1975
פּרעמירט מיט דער זכריה גאַנאַפּאָלסקי־פּרעמיע, פּאַריז

אוחז הליל ספין כחולה
שירים, הוצאת הקיבוץ המאוחד, אגודת הסופרים העברים, תל־אביב, תשל״ו

געזאַנג אין לאַבירינט
לידער און פּאָעמעס, פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך״, תּל־אָביב, 1977
פּרעמירט מיט דער פֿערנאַנדאַ בענאַ־פּרעמיע פֿון ייִד. צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע

תּנך־פּאָעמעס
פֿאַרלאַג „רשפים״, תּל־אָביב, 1979

בלויע בומעראַנגען
לידער און פּאָעמעס, פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך״, תּל־אָביב, 1979

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען, אַנטאָלאָגיע פון ייִדיש־שאַפן אין ישׂראל
ישעיהו שפּיגל / פלאַמען פון דער ערד, ראָמאַן
רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן, לידער
מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי, ייִדיש — ד. שטאָקפיש
רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווײַזער, עסייען
רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן, לידער
ריקודה פּאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים, דערציילונגען
יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן, לידער
משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פּאַריז, דערציילונגען
אריה שמרי / דאָס ייִנגל פון דיזשאַן, פּאָעמע, צייכענונגען יואב שועלי
רפאל מאַהלער / ספר סאַנץ, היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות
משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט, דערציילונגען און מיניאַטורן
אריה שמרי / געזאַנגען אין שײַער, לידער און פּאָעמעס
מנוחה ראַם / אַרום דער ווערבע, דערציילונגען
משה זאַלצמאַן / ... און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ ייִדישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד
אברהם שלאָנסקי / לידער, אָפּקלײַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
ייִדיש — משה יונגמאַן
משה גראָס־צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן, עסייען און פּראָפילן
רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער, לידער
ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן, לידער
מלכה חפץ־טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט, לידער
ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד : אַ פרעמדע וועלט ; אין נײַעם לאַנד, ראָמאַנען
ישעיהו שפּיגל / די קרוין, דערציילונגען
משה יונגמאַן / רעגן־בויגן צוקאָפּנס, לידער
דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור, לידער און פּאָעמעס
יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג, לידער
נח גריס / פון פינצטערניש צו ליכט, עסייען וועגן ישעיהו שפּיגל
אליעזר קופערמאַן / פון וועלט צו וועלט, דערציילונגען
משה זלצמן / וזכיתי לריהאביליטציה, מייִדיש — גרשון לימור
מלכה חפץ־טוזמאַן / אונטער דײַן צייכן, לידער
רחל אויערבאַך / וואַרשעווער צוואָות, וואַרשע 1933—1943
יעקב פרידמאַן / לידער און פּאָעמעס, דרײַ בענד
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון פּראָפ. יודל מאַרק
מאיר חריץ / לידער צו אייגענע, לידער און פּאָעמעס
אריה שמרי / רינגען אין שטאַם, לידער און פּאָעמעס, צייכענונגען — ב ע ן
יעקב י. מײַטליס / אין גאַנג פון דורות, עסייען
יהודה לייב טעלער / דורך ייִדישן געמיט, לידער
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון אריה שמרי

י. ח. בילעצקי / בײַם קוואַל פֿון קאָצק, פּאָעמע

שלמה שטאָקפֿיש — אין ראָד פֿון צאָרן

איבערלעבונגען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה

ישעיהו שפּיגל / שטערן לײַכטן אין תּהום, געזאַמלטע דערציילונגען — 1940־1944

צוויי בענד. שער־בלאַט, פּאָרטרעט פֿון מחבר און צייכענונגען — פֿון בען

חיים זעלצער / פֿון היימישן ברונעם, לידער און באַלאַדן. צייכענונגען פֿון מחבר

י. ח. בילעצקי / איציק מאַנגער, פּרקי מסה

אַברהם נאָווערשטערן / סוצקעווער־ביבליאָגראַפֿיע

רשימה פֿון אַ. סוצקעווערס שאַפֿונגען אין ליד און אין פּראָזע

און פֿון אָפּהאַנדלונגען וועגן זײַן שאַפֿן

לייב אָליצקי / פֿון דער היים און פֿון דער פֿרעמד, דערציילונגען

הירש אָשעראָוויטש / געזאַנג אין לאַבירינט, לידער און פּאָעמעס

רחל קאָרן / פֿאַרביטענע וואָר, לידער

פּאָרטרעט און צייכענונגען — סילוויאַ אַרי

משה יונגמאַן / אין לאַנד פֿון אליהו הנביא, לידער און פּאָעמעס

בער מאַרק / מגילת אוישוויץ, מיט דאָקומענטן געפֿונענע אין אוישוויץ

יעקב צבי שאַרגעל / פֿון אַנהייב אָן, עסייען

רחל אויערבאַך / בײַם לעצטן וועג, אין געטאָ ווארשע און אויף דער אַרישער זײַט.

וועגן רחל אויערבאַך — פּראָפֿ. דב סדן און ד״ר יוסף קערמיש

דוד האָפּשטיין / לידער און פּאָעמעס. צוויי בענד. צונויפֿגעשטעלט פֿון פֿייגע

האָפּשטיין. צייכענונגען פֿון מאַרק שאַגאַל. פּאָרטרעטן געצייכנט פֿון ס. שור,

הלל האָפּשטיין און ה. אינגער

מלכה חפֿיץ־טוזמאַן / הײַנט איז אײביק, לידער

אריה שמרי / אויף גרינעם פּאַרמעט, לידער און פּאָעמעס

ישעיהו שפּיגל / צוויי דערציילונגען — שני סיפּורים. תּרגם : מרדכי אמיתי

ישעיהו שפּיגל / צווישן תָּו און אַלף, געקליבענע לידער

יוסי גמזו / לענדער פֿון דאָרשט, לידער

עסיי און איבערזעצונג : פּראָפֿ. לאָרענס (לייב) גרעצקי.

צייכענונגען — דער מחבר.

יהודה קערש / דער וועג פֿון אַ פֿאַלק

שמואל יוסף עגנון / צווישן אַלט און נײַ, אויסגעוויילטע דערציילונגען.

יידיש : חיים גורט.

יצחק בורשטיין־פֿינער / מײַן מאַמע — סקיצן, דערציילונגען, נאָוועלן

יעקב פֿרידמאַן / געזען אויף אַ ווײַל

אַברהם סוצקעווער / דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן, דערציילונגען.

צייכענונגען : יאַני פֿײַן